מערדער האָבן די קריגס־געפאַנגענע צעוואָרפן אין גרופּעס צו 50 מאַן און זיי אויסגעשאָסן. דאָס איז געווען געמאַכט אַזוי ראַפינירט, אַז די יידן האָבן זיך ניט געקענט אָריענטירן וואָס דאָ קומט פאָר. אַ פּאָר הונדערט מאַן האָבן די דייטשן אַרויסגעפירט אין אויטאָס ערגעץ אונטערן שטאָט. פון דער גרופּע זיינען עטלעכע אַנטלאָפן. אין בעסטן פאַל קען מען רעכענען, אַז פון די אַלע לובלינער קריגס־געפאַנגענע האָבן זיך געראַטעוועט העכסטנס 10 מאַן.

אונדזער קליין הייפל פון די קאַרגע 100 קריגס־געפאַנגענע פון בודזין איז פון דער געבראַכטער ידיעה געבליבן אינגאַנצן דערשלאָגן. לובלין איז געווען אונדזער האַרץ, אונדזער שטאָלץ. אויף דעם גרויסן לאַגער האָבן מיר געלייגט פיל האָפענונג. פון צייט צו צייט פלעגן מיר אויפכאַפּן גרוסן, אַז זיי טוען עפּעס אויפן געביט פון אָרגאַניזירן זיך. זיי האָבן געהאַט גרויסע מעג־לעכקייטן. אַזאַ צאָל אויסגעשולטע מיליטערישע קרעפטן וואָלט עפּעס געקענט שאַפן. ליידער איז ניט געשען. 2700 יונגע העלדן זיינען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן אומגעקומען.

מעגלעך, אַז ס׳וועלן זיך געפינען מענטשן וואָס וועלן זאָגן, אַז די יידישע קריגס־געפאַנגענע אין לובלין האָבן זיך ניט מיט אַלעמען גוט אויפגע־פירט. צווישן אַזאַ גרויסער צאָל יונגנט האָבן זיך געקענט איינגעפינען אויך עטלעכע אומפאַראַנטוואָרטלעכע און אויך זיי קען מען ניט באַשולדיקן. אויב יאָ ריידן וועגן שולד, דאַרף מען עס צושרייבן די דאַמאָלסדיקע יודענראַטן פון אַ לובלין, אַ ביאַלאַ־פּאָדליאַסקאַ אאז״וו. אָט די האָבן אין דער פּאַסיקער צייט ניט בייגעהאָלפן, אַז די לאַגערן פון די יידישע קריגס־געפאַנגענע זאָלן ליקווידירט ווערן.

דער דריטער נאָוועמבער 1943 איז דער שרעקלעכסטער טאָג אין דער געשיכטע פון די יידישע קריגס־געפאַנגענע פון דער פּוילישער אַרמיי. פון יענער צייט זיינען שוין מיר, דאָס קליינע הייפעלע פון בודזין, געוואָרן איינגעגלידערט מיט די איבעריקע יידן אין די לאַגערן און מיט זיי צוזאַמען דורכגעמאַכט די שווערע מעג פון הונגער, נויט און פּיין אין די פאַרשיידענע קאַצעטן.

* * *

היינט שוין איבער אַ יאָר נאָך דער באַפרייאונג פּרוּוו איך אַלץ זוכן און נאָכפרעגן אויף לעבנגעבליבענע פון די יידישע קריגס־געפאַנגענע. דער סך הכול איז אָבער זייער אַ ביטערער. די צענדליקער טויזנטער יידישע קריגס־געפאַנגענע, וועלכע האָבן העלדיש געקעמפט אויף די שלאַכט־פעלדער קעגן דעם היטלעריזם, זיינען אַזוי טראַגיש אומגעקומען און ניט דערלעבט די באַפרייאונג. אויך דער אומפאַרגעסלעכער חבר און פריינד נוח שטאָקמאַן איז קורץ פאַר דער באַפרייאונג געשטאָרבן. ניט באַשערט געווען דעם

מענטשן זיך צו פרייען כאָטש מיט דעם שיטערן הייפל חברים, וואָס זיינען אויך אַ דאַנק אים געראַטעוועט געוואָרן און לעבן היינט. אונדזער ביסל מענטשן דערמאָנען ביז היינטיקן טאָג דעם נאָמען נוח שטאָקמאַן מיט גרויס רעספּעקט. זאָל טאַקע יעדער איינער פון אונדז אין די ראַמען פון זיינע מעג־לעכקייטן ווידמען וואָס לכבוד זיין אָנדענק!

(צ.ה.ק. 330/244)

——— § § § ———

ד״ר יעקב אונגאַר

# טשערנאָוויץ

.1

טשערנאָוויץ איז די הויפּט־שטאָט פון בוקאָווינע. פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען בוקאָווינע האָט געהערט צו עסטרייך, איז די צאָל פון דער באַפעלקערונג אין שטאָט געווען איבער 100.000, פון זיי כמעט 70 טויזנט יידן. דאָס יידישע לעבן האָט דאָ געבלים סיי אויף דעם מאַטעריעלן און סיי גייסטיקן געביט. נאָך דעם יאָר 1918 איז בוקאָווינע געוואָרן רומעניש. דאָס יידישע קולטורעלע לעבן איז ווייטער געפלעגט געוואָרן. העברעאישע בילדונג האָט דאָ פאַרנומען אַ חשובן אָרט. אויך אַ פיין יידיש טעאַטער איז דאָ גע־ווען. די יידישע אונטערנעמונגס־קראַפט האָט דאָ פיל אויפגעטאָן אויפן עקאָ־נאָמישן געביט.

גרויסע צרות האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן אין 1938, ווען אין רומעניע איז אויף אַ קורצע צייט געקומען צו דער מאַכט די פּאַרטיי פון „האַקנקרייץ". איבער דעם ראַטהויז פון דער יידישער שטאָט טשערנאָוויץ איז אויפגעהאָנגען געוואָרן אַ ריזיק־גרויסער האַקנקרייץ. עס האָבן געגומען גיין געזעצן קעגן יידן. די רעגירונג האָט זיך פאַרמאָסטן צו אַוועקנעמען די יידישע אינטעליגענטן זייערע דיפּלאָם־רעכט; מען האָט געדריקט די יידישע סוחרים; יידישע אָרגאַניזאַציעס זיינען געוועזן פאַרבאָטן.

אין יאָר 1940 איז צפון בוקאָווינע צוזאַמען מיט בעסאַראַביע אַריבער צו די סאָוויעטן. מיטן אָפּטרעטן פון די רומענער האָט די יידישע באַפעלקע־רונג פריי אָפּגעאָטעמט. די יוגנט איז אפילו געשפרונגען אויף די אָנגעקומענע טאַנקען. די פרייד האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט. יידישע צרות האָבן זיך ניט פאַרענדיקט, זיי האָבן נאָר אָנגענומען אַנדערע פאָרמען. ס'האָבן זיך

אָנגעהויבן די דעפּאָרטירונגען פון די קאַפּיטאַליסטן און סתם סותרים. די גרעסטע טייל פון זיי זיינען געווען יידן. יום טובים האָט מען ניט געקענט פייערן, ווייל די מענטשן זיינען ניט געווען פריי פון דער אַרבעט. אַחוץ דעם איז נאָך געגאַנגען אַ פּראָפּאַגאַנדע קעגן רעליגיע. יידיש טעאַטער האָט יאָ געשפּילט און אפילו אויף די מיטלען און אונטער דער השגחה פון דער מלוכה.

מיטן אָנהויב פון דעם דייטש־רוסישן קריג איז די רויטע אַרמיי אָפּ־געטראָטן פון בוקאָווינע. פאַר יידן הויבן זיך אָן גאָר גרויסע צרות. ביים אַריינמאַרש פון דער רומעניש־דייטשער אַרמיי האָט מען דריי טעג כסדר געשאָסן מענטשן אויף די גאַסן. געהייסן האָט עס, אַז מען רעכנט זיך אָפּ מיט קאָמוניסטן, געמיינט האָט מען אָבער — יידן. מען האָט אָנגעהויבן סיסטעמאַטיש די יידן צו פאַרניכטן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ מיליטערישע רעגירונג, וואָס האָט זיך גענומען צו מאַכן ריין פון יידן. דער גובערנאַטאָר איז געווען קאָלאָנעל קאַלאָטעסקו, און זיין רעכטע האַנט — דער מאַיאָר מאַרינעסקו.

די יידישע אינסטיטוציעס, וואָס זיינען פאַר־ן פון פריער, זיינען אַלע קאָנפיסקירט געוואָרן. אַזוי למשל האָבן די יידישע יתומים געמוזט פאַרלאָזן דעם גערוימען און באַקוועמלעכן בית־היתומים. די קינדער זיינען געבליבן אויף דער גאַס. די יידן האָבן זיי איינגעאָרדנט אין אַ תלמוד־תורה־הויז, אין אַ הינטערגעסל פון שטאָט. אין דעם הויז האָב איך פערזענלעך געהאַט אַ געלעגנהייט אַריינצוקוקן, ווייל איך פלעג דאָ קומען באַזוכן ווי אַ דאָקטאָר. הונגעריק זיינען זיי תמיד געווען, די יתומים. ווינטער האָט מען דאָ ניט גע־קענט באַהייצן. די קינדער האָבן זיך מוראדיק אָנגעליטן. אַ יידישע קהילה האָט ניט געטאָרט זיין. געהיים האָבן עטלעכע מענטשן זיך צונויפגענומען און אָרגאַניזירט הילף פאַר די יתומים. אַ יידיש מיידל איז מיט זיי געווען ביינאַכט. רומענישע באַנדיטן זיינען נאָך באַפאַלן די קינדער און פון זיי אַוועק־גענומען די דעקעס צום שלאָפן.

ווידער אַן אָרט פון באַזונדערע ליידן איז געווען אין יידישן שפּיטאָל. אַ גרויסער טייל פון די קראַנקע זיינען געווען יידן, וואָס מען האָט אויף זיי געשאָסן און ניט דערשאָסן אויף טויט. אַחוץ דער באַהאַנדלונג פון די דאָק־טוירים האָבן די חולאים קיין זאַך ניט באַקומען. מען האָט זיי געמוזט ברענ־גען עסן ווייל דער שפּיטאָל האָט גאָרניט געהאַט. אין שפּיטאָל איז אויך גע־ווען אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג פון זויג־קינדער, וועמענס עלטערן זיינען גע־הרגעט געוואָרן און מען האָט זיי פון די שטיבער אַהער צוזאַמענגעטראָגן. צווישן די סאָציאַלע אַנשטאַלטן איז אויך געווען דער מושב־זקנים. דאָ זיינען די אַלטע לייט אויסגעשטאָרבן פון הונגער.

יידיש פּריוואַט פאַרמעגן איז געוואָרן קאָנפיסקירט. ווער עס האָט

געוווינט אין אַן אייגענע דירה, האָט זי געמוזט איבערלאָזן פאַר די רומענישע משפחות, וועלכע זיינען צוגויפגעלאָפן זיך קיין טשערנאָוויץ, כדי וואָס גיכער רייך צו ווערן פון די יידן. האָט מען יאָ איינעם דערלויבט צו בלייבן אין זיין דירה, האָט ער געמוזט צאָלן גרויסע דירה־געלט. נאָכדעם ווי די רומענער האָבן שוין צונויפגערויבט דעם יידישן פאַרמעגן, האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן די אַקציעס.

אין איין פרימאָרגן פון אַ שבת־טאָג אין האַרבסט 1941 קומט צו גיין די פּאָליציי מיט אַ באַפעל, אַז אין זעקס שעה מוזן אַלע יידן זיין אין געטאָ. ווו דאָס געטאָ וועט זיין האָט מען ניט געמעלדעט. די פּאָליציי האָט נאָר גענומען גלייך טרייבן די יידן דורך שפּאַליערן. פאַרטריבן האָט מען אונדז צו דעם ראַיאָן קאַליטשאַנקאַ, אין דעם ווינקל ווו עס פלעגט ווערן אָפּגעלאָדן די מיסט פון שטאָט. אַנדערע יידן זיינען נאָך געלאָפן ווידער אַמאָל אין זייער שטאָטישער וווינונג, כדי צו קענען נעמען נאָך אַ פּעקל. זיך באַנוצן מיט אַ וועגעלע, אָדער דינגען אַ קריסט צו הילף, איז געווען שטרענג פאַרבאָטן. דייטשע סאָלדאַטן זיינען געשטאַנען איבער די גאַסן און פריידיק אַלץ פאָטאָגראַפירט.

דאָס געטאָ איז אַרום און אַרום פאַרצוימט געוואָרן מיט ברעטער. אויף יעדער פּאָר שריט שטייט אַ סאָלדאַט און דראָט מיטן דערשיסן, אויב נאָר ווער וועט וואַגן צוקומען נאָענט צום צוים.

פּראָוויזאָריש געחשבונט לאָזט זיך אָננעמען, אַז אין געטאָ זיינען געווען צונויפגעטריבן ביי עטלעכע און פערציק טויזנט יידן. עס איז ניט געווען ווו דעם קאָפּ אַנידערצולייגן. מען האָט זיך אָבער געהאָלפן איינער דעם אַנדערן. די מענטשן האָבן זיך איינגעאָרדנט אין שול און אין דער תלמוד־תורה, אויף די בוידעמער און אומעטום נאָר, ווו עס איז געווען אונטער אַ דאַך. די יידן האָבן זיך געטיילט מיט דעם עסן. ווי נאָר מען פלעגט געוווירווערן, אַז עס וועט זיין אַן אויסזידלונג, האָט מען זיך אָנגעהויבן טיילן מיט די זאַכן. וואָס נאָר אַן איבעריקע זאַך, האָט מען געשענקט דעם צווייטן, וועלכער האָט זי נויטיק געהאַט.

אין דעם בית־היתומים האָב איך געמוזט אַריינלאָזן מענטשן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך באַוויזן אַ פאַל פון טיפוס. קלאָזעטן זיינען ניט געווען, וואַסער האָט מען געמוזט טראָגן פון וויים. איך האָב אָנגעשריבן אַ צעטעלע צו דעם שטאָטישן סאַניטעטס־אַמט, אַז מען זאָל צונעמען דעם חולה. איך האָב זיך איינגעשטעלט און געגאַנגען מיטן צעטעלע צום טויער. דער סאָלדאַט האָט אויף מיר ניט געשאָסן, נאָר דורך אַ לאָך פון דעם פלויט האָט ער מיר דערלאַנגט מיט דער קאָלבע פון ביקס אין די זייטן, אַז איך האָב ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם. אויף מאָרגן איז מעגלעך געווען איבערשיקן

# פּלאַן

## פון טשערנאָוויצער געטאָ פאַר דער דעפּאָרטירונג אין הערבסט 1941.




.0 — מיליטערישע קאָמאַנדע פון געטאָ מחוץ דער געטאָ פאַרצוימונג.

.1 — יידישער שפּיטאָל.

.2 — מושב זקנים.

.3 — תלמוד־תורה.

.4 — מיסט־לאַגער פון דער שטאָט.

.5 — שלאַכט־הויז פאַר בהמות.

→ — מאַרש פון די יידן פון געטאָ צו דער באַן.

דעם צעטעלע. אויפן דריטן טאָג האָט מען אַרויסגענומען דעם קראַנקן.

.2

אויף מאָרגן ווי מען איז אַריין אין געטאָ האָט די מאַכט פאַראָרדנט צו אַרויסשיקן אַ גאַנצן געטאָ־קוואַרטאַל. מען האָט די מענטשן געמאָלדן, אַז ווער עס וועט זיך אַליין מעלדן, מעג מיטנעמען זיינע זאַכן און וועט זיי קענען פירן מיט דער באַן. די יידן זיינען אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן קיין טראַנס־ניסטריע (טראַנסדניעסטער), אין דער אוקראַינע. גלייך איז דאָס געטאָ גע־וואָרן פאַרקלענערט, ווייל מער ווי טויזנט מענטשן זיינען אַוועקגעפאָרן. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען גענומען אויסטיילן ספּעציעלע] אויטאָריזאַ־ציעס פאַר נוצלעכע יידן, אַן ערך 6000. די דאָזיקע מענטשן זיינען געבליבן אויף אַן אָרט, און די אַלע איבעריקע זיינען אַוועקגעטריבן געוואָרן צו דער באַן.

איך האָב געהערט צו די גליקלעכע, וועלכע די דייטשן האָבן באַטראַכט ווי נוצלעכע יידן. ווי אַ דאָקטאָר פון יתומים האָט מען מיר אויך דערלויבט אַריין און אַרויסגיין פון געטאָ. דערפאַר האָב איך געקענט בייזיין, ווען די יידן זיינען אָפּגעפאָרן מיט דער באַן. אויף דער סטאַנציע האָט ניט געקלעקט קיין וואַגאָנעס. האָט מען דערוויל איבערגעלאָזן קראַנקע, אַלטע און קינדער. מען האָט זיי געגעבן ספּעציעלע אויטאָריזאַציעס, אזוי אָנגערופענע „פּאָפּאָוויץ", לויט דעם נאָמען פון דעם בירגערמייסטער פון דער שטאָט טשערנאָוויץ, וועלכער האָט גאַראַנטירט פאַר זיי.

שרעקלעך איז געווען די שטימונג פון די מענטשן ביי זייער אָפּפאָרן. די אייזנבאַנער, וועלכע זיינען מיטגעפאָרן מיט דעם טראַנספּאָרט, האָבן דערציילט, אַז אַ גרויסע טייל האָט אַפילו ניט דערגרייכט קיין טראַנסניסטריע. מען האָט זיי אויפן וועג אומגעבראַכט. די בריק איבערן דניעסטער איז געווען אויפגעריסן, האָט מען געמוזט אַריבערפאָרן אויף קליינע שיפלעך און פליטן. כדי צו שפּאָרן אַרבעט האָט מען אַ סך פון זיי דערשאָסן. די זאַכן זייערע האָבן די מערדער, פאַרשטייט זיך צוגענומען.

פיר וואָכן צייט האָט אָנגעהאַלטן דאָס געטאָ. מען לאָזט די יידן ווידער פריי. אָבער ווו איז שוין היינט די גרויסע מאַסע? די צענדליקער טויזנטער? איך שטיי און קוק ווי מען רייסט אָפּ די ברעטלעך, און עס שטראָמען טרערן פון די אויגן. פון דעם געשלאָסענעם געטאָ ווערט אַן אָפענעס. מען האָט שוין געטאָרט וווינען אין שטאָט. אין גאַס האָט מען אָבער געמעגט גיין נאָר פון 10 ביז 12 אַ זייגער, אויפן מאַרק איינקויפן עסנוואַרג, און נאָך אַ שעה שפּעטער אין די דערבייאיקע קראָמען. שוין אָפּוווינענדיק עטלעכע וואָכן מיט די אויטאָריזאַציעס אין שטאָט איז אַרויס אַ באַפעל. אַז יעדער ייד מוז טראָגן

אויף זיין לינקן ברוסט אַ געלן מגן־דוד פון 7 צענטימעטער אין דיאַמעטער. ווער עס האָט זיך ניט געהאַלטן ביי די פאָרשריפטן, איז פאַרשיקט געוואָרן צו די אַנדערע יידן קיין טראַנסניסטריע. די יידישע ספּעציאַליסטן האָבן געמוזט אויסלערנען זייער פאַך די רומענישע אַרבעטער, כדי זיי זאָלן דער־נאָך קענען אַרבעטן אַליין. פאַר זייער אַרבעט האָבן די יידן באַקומען ברויט און געלט, וואָס האָט ניט געקלעקט אפילו אויף ציגאַרעטן. מען האָט פון זיך אויספּאַרקויפט וואָס עס איז נאָר איבערגעבליבן. שולן און בתי־מדרשים האָט מען ניט געטאָרט באַזוכן, עס האָט געדראָט טויט־שטראָף.

אָנהייב 1942 האָט די רומענישע מיליטער־גובערניע פון דער שטאָט באַשטימט אַ מין קאָמיטעט, דריי יידן, וועלכע זאָלן אָנפירן מיט די אַלע ענינים פון די יידן. דער קאָמיטעט — אין באַשטאַנד פון ד״ר פּליטער, אַדוואָקאַט שאַטנער און זשורנאַליסט פעקלער — האָט געמוזט יעדעס מאָל צושטעלן ליסטעס פון יידן אויף קערן די גאַסן, האַלץ האַקן, שניי רוימען אאז״וו, זיי האָבן אויך געמוזט צושטעלן ליסטעס פון יידן צום דעפּאָרטירן. מען האָט זיי תמיד געדראָט מיטן טויט.

יעדן טאָג 10 אַ זייגער אינדערפרי, ווי נאָר מ'האָט שוין געקענט אַרויסגיין אין גאַס, איז דער ערשטער וועג געווען צו דעם קאָמיטעט, זיך זען דאָרט מיט די יידן און דערגיין וואָס עס הערט זיך נייס.

דער ווינטער איז פאַרביי. ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן שיינען די זון, האָבן די יידן גענומען ציטערן פאַר נייע דעפּאָרטאַציעס. באַלד טאַקע איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע קראַנקע, וועלכע קענען ניט אַרבעטן, און די וואָס זיינען געשטראָפן געוואָרן פון זייערע אַרבעטס־פּלעצער ווערן דעפּאָר־טירט. עטלעכע האָבן זיך באַהאַלטן. דאַן איז אָפּגעשפּאַרט געוואָרן אַ גאַנצע גאַס, און די אַלע יידן, וועלכע האָבן דאָרט געוווינט, אָן קיין אויסנאַם, זיינען דורך נאַכט געוואָרן אַוועקגעשיקט קיין טראַנסניסטריע.

צוזאַמען מיט די צוגעקומענע פון פּראָווינץ און פון בעסאַראַביע זיינען איצט געווען אין טשערנאָוויץ ביי 8000 יידן. מען האָט אָנגעהויבן שיקן אויסערן שטאָט צו דער אַרבעט. די יידן זיינען געגאַנגען אָפּגעריסן און באָר־וועס. און דאָך האָבן אַלע געוואַרט אויפן ווינטער, ווייל ווינטער האָט מען ניט דעפּאָרטירט.

פון די לאַגערן אין טראַנסניסטריע זיינען אָנגעקומען קלאָגעדיקע בריוו; „העלפט, ווייל מיר האַלטן שוין ניט מער אויס!" האָבן מענטשן געשריבן. פיל האָבן נאָך צוגעגעבן: „פון דער גאַנצער משפּחה בין איך נאָר אַליין געבליבן; העלפט, ווייל באַלד איז צו שפּעט!" פיל פון די אַרויסגעשיקטע זיינען אומגעקומען נאָך אויפן וועג, אַנדערע זיינען געשטאָרבן פון הונגער און טיפוס. די יידן, וועלכע האָבן נאָך געהאַט דעם זכות צו זיין אין טשער־

נאָוויץ, האָבן געמאָן אַלץ וואָס מעגלעך כדי נאָר צו העלפן מענטשן פון די לאַגערן אין טראַנסניסטריע. מען האָט אין געהיים איבערגעשיקט פּיל פּעק־לעך דורך ספּעציעלע שליחים, וועלכע האָבן אויך אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן מיט געלט. אַחוץ וואָס מען האָט זיי געגעבן לויטן אָפּרייד, האָבן זיי זיך נאָך אַליין געענוג אָנגענומען. דאָך איז אויך דערגאַנגגען אַ ביסל ממשותדיקע הילף פאַר די אומגליקלעכע אין די לאַגערן, ביי וועלכע דער דופק האָט נאָך געקלאַפּט.

איך האָב געהאַט אַ באַזונדערע געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן די הילפס־אַרבעט פון די חסידים. איך האָב איינגעזען, אַז זיי זיינען נים נאָר פרום מיט זייער דאַוונען, נאָר זיי האָבן אויך פיל געמאָן פאַר די אומגליקלעכע אין די לאַגערן און פאַר די יתומים און פאַראומגליקטע יידן אין שטאָט.

דאָס פאַרזאַמלען זיך פון יידן איז געווען פאַרבאָטן אונטער טויט־שטראָף. דעם שטאָט־ראַבינער צוזאַמען מיט נאָך אַ סך יידישע פערזענלעכ־קייטן האָט מען גלייך ביים אָנהויב קריג דערשאָסן. די יידן האָבן אָבער געהאָפט, אַז דער רבונו של עולם וועט נאָך געוויס ראַטעווען דאָס הייפל איבערגעבליבענע.

3

דער ווינטער 1942—43 איז אַוועק. די יידן, וואָס באַגעגענען זיך אין גאַס, באַגריסן זיך מיט די ווערטער: „דאַנקען גאָט, וואָס מיר זעען זיך נאָך דאָ". עס ווערט ווארעם אין דרויסן, און מען שיקט נאָך נים אַוועק. אפשר וועט מען שוין מער נים שיקן קלערן די יידן. נאָר זיי האָבן געהאַט אַ טעות. די גובערנאַטאָר האָט צוגעגרייט אַ טייוולשן פּלאַן. זיי האָבן זיך באַ־טראַכט צו מאַכן ווידעראַמאָל אַ געשלאָסן געטאָ און אַזוי אינגאַנצן צו פאַרניכטן די יידן.

ביים פאַרהיטן פון אָט דער סכנה, שפּיל איך, דער שרייבער פון די שורות, די הויפּטראָל. אין יאָר 1939, ווען רומעניע האָט זיך אָנגעהויבן גרייטן צו דער מלחמה. האָט מען אויך מיך מאָבילעזירט אין דער אַרמיי. איך בין צוגעטיילט געוואָרן צו אַ רעגימענט פון רייגע רומענער, וועלכער האָט געהיט די נאַפטקוואַלן פון פלאָיעשטי. איך האָב געהאַט דעם ראַנג לאָקאָ־טענענט (אויבער־לייטענאַנט). עס איז מיר געלונגען גוט אויסצוקומען מיט די שונאי־ישראל, אפילו מיטן קאָמענדאַנט פון צווייטן באַטאַליאָן, דעם גרויסן צורר מאַיאָר מאַרינעסקו, וועלכן איך פלעג מעדיצינייש באַהאַנדלען און געגאָסן פון אים גרויס צוטרוי. דאָס רוב פלעג איך אויסמיידן צו הערן אפילו זייערע געשפּרעכן וועגן יידן. אַנדערע מאָל פלעג איך אָבער אויך רעאַגירן. איינמאָל האָב איך אין דער אָפיצערן־קאַזינאָ שאַרף פּראָטעסטירט

קעגן דעם באַשמוצן יידן מיט מיאוסע אַנעקדאָטן. איך האָב די אָפּיצערן דערביי אַריינגעגעבן אַ גוטע פּאַרציע מוסר. דער הויפּט־רעדל־פירער איז דאָ געווען דער מאַיאָר מאַרינעסקו, און אַזוי אַרום האָבן מיר זיך צעקריגט.

און אָט אין יאָר 1941 איז גראָד דער מאַיאָר מאַרינעסקו געוואָרן אַ הויפּט־פיגור אין דער גובערנאַטור פון טשערנאָוויץ, און ער טאַקע האָט עס געשיקט די אַלע אונדזערע יידן צום טויט. אַ לאַנגע צייט האָב איך מורא געהאַט זיך ווייזן פאַר אים.

און איין רעגנדיקן טאָג האָט פּלוצלונג דער מאַיאָר מאַרינעסקו פאַר־לאַנגט פון יידישן קאָמיטעט אַ ליסטע פון אַלע יידישע דאָקטוירים. דער פּאָרזיצער פון קאָמיטעט, ד"ר פּלוטער, אַ געוועזענער ריכטער, האָט אים געפרעגט צו וועלכן צוועק דאַרף ער עס האָבן אַזאַ ליסטע. מאַרינעסקו האָט אים אויף דעם אַפילו ניט געוואָלט ענטפערן. עס איז געוואָרן אַ פּאַניק צווישן די דאָקטוירים. פון דער פּראַקטיק האָבן שוין די יידן בײ אונדז גע־ווּסט, אַז אַ ליסטע באַדייט אַ שחיטה דורך דעפּאָרטאַציע. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מאַרינעסקו האָט נאָר געוואָלט אַרויסגעפינען דעם נאָמען פון דעם דאָקטאָר, וואָס האָט מיט אים געדינט אין מיליטער. ער האָט אים אויך איצט נויטיק געהאַט צום קורירן זיך, אָבער ער האָט פאַרגעסן זיין נאָמען. דורכ־וואָרפנדיק אַן אויג איבער דער ליסטע איז אים באַלד אויפגעפאַלן מיין נאָמען. ער באַפעלט דעם ד"ר פּלוטער: „שיק מיר גיך דעם דאָקטאָר אונגאַר, ער זאָל מיך באַהאַנדלען".

די אַלע יידישע דאָקטוירים האָבן פריי אָפּגעאָטעמט. יעדער איינער האָט געהאָלפן מיך אויפזוכן. איך אַליין בין אָבער בלאַס געוואָרן. איך האָב זיך אָבער ניט פאַרלוירן. געלאַסן בין איך צו אים אַריינגעקומען אין דעם שיינעם קאַבינעט. פאַר דער טיר זיינען געשטאַנען פּאָליציי און דינערס. וועלכע האָבן מיר געהאָלפן אויסטאָן דעם מאַנטל. מאַרינעסקו אַליין איז זיך געזעסן אויף אַ ברייטן שטול. ער דערקענט מיך גלייך, שפּרינגט אויף, פאַרגעסט זיך און נעמט מיך אַרום. ער זאָגט צו מיר: „דאָקטאָר, דו שעמסט זיך ניט? איך בין שוין אַזוי לאַנג אין איין שטאָט מיט דיר, און דו קומסט ניט צו מיר!" אין איין אָטעם פרעגט ער ווייטער: „וווּ איז דיין געלע לאַטע?" איך אַנטשולדיק זיך און זאָג אים: „ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז דו ביזט דער זעלביקער מאַיאָר מאַרינעסקו, וואָלט איך שוין לאַנג געווען צו דיר געקומען. די געלע לאַטע, וואָס דו פרעגסט, האָב איך אויפן מאַנטל, וואָס הענגט אין פאָדערצימער." „וואָס פאַרלאַנגסטו פאַר זיך? — זאָגט ער — פאַר דיר וועל איך טאָן." איך ענטפער אים: „ זיי ניט ברוגז, אַזוי ווי איך בין היינט איבעררַאַשט פון אונדזער טרעפן זיך, לאָז מיר קומען אַן אַנדער מאָל, וועל איך דיר זאָגן". „יאָ — זאָגט ער — ווען דו דאַרפסט, קענסטו קומען". איך דאַנק אים. איצט בעט ער מיר אים באַהאַנדלען און אויך זיין פריינדין,

װעלכע אַרבעט בײַ אים. איך האָב אים דאָס גלײַך צוגעזאָגט און געטאָן.

מיט דער ערשטער ביטע בין איך צו מארינעסקו געקומען. ער זאָל מיר צוריקברענגען מײַן משפחה, װאָס ער האָט אַרויסגעשיקט. „נײַן — ענט־פערט ער מיר — דאָס איז צו שפּעט. דאָרט איז אַן אַנדער גובערנאַטאָר, און װער װײס אויב זײ לעבן נאָך".

אין אײן שײנעם טאָג, די זון באַקט הײס, קום איך צו אים אין דער גובערנאַטור. ער װײַזט מיר אַ פּלאַן פון אַ נײַעם געשלאָסענעם געטאָ פאַר ייִדן און ראַט מיר, נאָך ביזן 26־טן אויגוסט זאָל איך זיך אין דעם געפּלאַנטן ראַיאָן אויפזוכן אַ נײַע גוטע װוינונג, װײַל דערנאָך װעל איך ניט קריגן װוּ צו װוינען. מיר האָט אינגאַנצן פאַרכאַפּט דער אָטעם. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זאָג איך אים, אַז איך װעל זיך ניט זוכן קײן צימער; װאָס מיט אַלע ייִדן װעט זײַן, װעט זײַן אויך מיט מיר. ער זאָגט מיר אָן, אַז איך זאָל פון גאַנצן געשפּרעך קײנעם ניט דערצײלן.

איך בין פון אים אַװעק אינגאַנצן צעבראָכן. מײַן ערשטער װעג איז געװען צום קאָמיטעט. איך דערצײל זײ בסוד װאָס איך האָב געהערט. די מענטשן פון קאָמיטעט ענטפערן מיר באַלד, אַז נאָר איך, מארינעסקוס דאָק־טאָר, קען דערבײַ העלפן. און איך אַלײן מוז טאַקע אויך געפינען דעם פּאַסיקן װעג דערצו. קוים װאָס איך פאַל אַרײַן אַ טויט־אויסגעשעפּטער אין שטוב, ערשט עס לאָזן זיך אַרײַן צו מיר צװײ מענטשן פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, ד"ר מאנפרעד רײַפער (Raifer) און זײַן קרוב אַדװאָקאַט װילענקאָ. זײ האָבן עס זיך פון קאָמיטעט דערװוּסט װעגן דער נײַער סכנה. זײ זאָגן: „דאָקטאָר אונגאַר, דאָס געטאָ טאָר איצטער ניט זײַן. זעט מיט אַלע מיטלען צו אָפּלײגן די זאַך װײניקסטנס כאָטש אויף אַ פּאָר חדשים. מיר שטעלן צװײ מיליאָן לײ פאַר דעם צװעק, און װען נויטיק װעט אויך זײַן מער.

דעם אַנדערן טאָג דערװאַרט איך קוים עס זאָל װערן 10 אַ זײגער, װען ייִדן מעגן אַרויסגײן אין גאַס. איך פיל מיך שרעקלעך שװאַך, אפילו לאַנג־זאַם גײן געפאַלט מיר שװער. מײַן פרוי רעדט זיך דורך מיט מיר װעגן דעם ענין, זי באַגלײט מיך ביז צו דער גובערנאַטור און בלײַבט װאַרטן ביז איך װעל אַרויסגײן. בײַ מײַן אַרײַנגײן אין קאַבינעט נעם איך אַרויס פון מײַן קעשענע אַ טובע טאַבלעטן, װאָס איך האָב אַהער גײענדיק געקויפט, באַמי זיך מאַכן אַ שמײכל און זאָג צו מאַרינעסקון: „קאָמענדאַנט, איך האָב פאַר אײַך אַ זעלטענע גוטע זאַך, טײַערע טאַבלעטן, װאָס װעלן אײַך געװיס העלפן. לאָזט מיר נאָך אַ מאָל אײַך אונטערזוכן און קאָנטראָלירן דעם געזונט־צושטאַנד." ער האָט גלײַך אײַנגעשטימט, װײַל זײַן לעבן האָט ער זײער ליב און האָט שטענדיק איבערגעציטערט איבער זײַן געזונט. איך גיב אים נאָכ־דעם די טאַבלעטן און זאָג, אַז איך װעל מוזן אין פאַרלויף פון זײַן קראַנקײט

אים אויפפּאַסן; מאָרגן וועל איך זיך בּאַמיען נאָכאַמאָל צו זיין. ער איז איינשטימיק.

דאָ גיב איך אים אַ פרעג: ווייסט איר דעם ווינקל, ווו עס וועט זיין דאָס געטאָ ?.. ער ענטפערט מיר: „איך בּין גרייט מיט אייך אַהין צו פאָרן און אייך ווייזן. פאַר יידן איז אַלץ צו פיל, אייער אייגן לעבן איז אויך צו פיל"... אָבער בּאַלד טוט ער זיך אַ וואָרף אויף צוריק: „איך מיין דאָך אייך צום גוטן"... איך ענטפער אים: „יאָ, אָבער אין די געסלעך, ווו איר ווילט מאַכן דאָס געטאָ, איז ניטאָ קיין וואַסער, קיין קלאָזעט; אַחוץ דעם ווערט דאָרט אָפּגעלאַגערט דאָס מיסט פון דער שטאָט. עס איז דאָך זומער, און איידער איר וועט נאָך בּאַוויזן צו אויסמאָרדן די יידן, וועט איר האָבּן אַן עפּידעמיע, וואָס וועט זיכער ניט בּלייבּן שטיין בּיי די טויערן פון דער גו־בּערניע. דעריבּער ראָט איך אייך, אַז אויב איר ווילט דווקא איינאָרדענען אַ געטאָ, טאָ וואַרט שוין אָפּ, לכל הפּחות, בּיז עס וועט ווערן קילער." מאַרינעסקו נעמט אַרומלויפן איבּערן שטוב, רעדט קיין וואָרט, די קאָלירן אין זיין פּנים בּייטן זיך. צום ענדע פּלאַצט ער אַרויס מיט אַ חוזק־טאָן: „ניין, ניין, ניין, דאָקטאָר! עס וועט ניט זיין אַזוי געפערלעך, ווי דו זאָגסט..." זיין פּנים דריקט אויס אומצופרידנקייט. איך געזעגן זיך און גיי אַוועק.

מיין פרוי בּיי דעם טויער דערוואַרט מיך קוים, איך דערצייל איר וואָס דאָרט איז געווען. ענטפערט זי מיר: „אויב ער האָט געוואָלט דיר אויסהערן, וועט עפּעס אַרויסקומען דערפון". מיטאַמאָל טוט מיר מיין פרוי אַ פרעג: „ווער נאָך אַרבּעט אין צימער פון דעם מאַרינעסקו?" דערצייל איך איר, אַז אין דעם צימער אַרבּעט אויך איינע אַ פריילן, וועלכע שרייבּט אויף דער שרייבּ־מאַשין און אויך איר בּאַהאַנדל איך. דאַן זאָגט מיר מיין פרוי: אָט מיט דער פריילן מוזסטו זיך דורכריידן, מעגלעך אַז זי וועט דיר קענען העלפן; דאַרפסט זיך אויסגעפינען אַ תּירוץ אויף צו אַריינקומען צו איר, וועסט מיט איר אַ רייד טאָן און זי בּעטן, דאָס מוז אָבער געטאָן ווערן ווי פריער!

4.

אין שטוב געפין איך אַ צעטעלע פון ד"ר רייפער. ער בּעט מיך קומען צו אים, ווייל ער ליגט קראַנק צו בּעט. דער זייגער ווייזט, אַז מען טאָר נאָך גיין אַ שעה צייט אין גאַס. איך לויף צו ד"ר רייפערן. ער איז קראַנק, די גוטע בּשורה וועגן אַ נייען געטאָ האָט אים אינגאַנצן צעבּראָכן. ער שטרעקט צו מיר זיינע בּיידע הענט אַנטקעגן. איך דערצייל אים פון מיין געשפּרעך מיט מאַרינעסקון און וואָס מיין פרוי ראָט מיר איצט צו טאָן. „גוט, גוט", זאָגט ער, „טוט נאָר, אַז דאָס געטאָ זאָל אָפּגעלייגט ווערן, זאָל זיין כאָטש אויף דריי חדשים... איך קען די פּאָליטיק, יעדן חודש וואָס מען וועט אָפּשלעפּן

מיטן געטאָ איז אַלץ בעסער פאַר אונדז, די סיטואַציע קען זיך ענדערן צו גוטן"...

4 אַ זייגער נאָכמיטאָג לאָז איך זיך גיין צו דער פרייִלן אויף איר קוואַרטיר. איך מעלדע זיך צו איר דינערין און אין עטלעכע מינוט פאַרבעט זי מיך צו זיך. „איך בין געקומען זען, וואָס איר מאַכט — דערקלער איך איר — אין דעם ביוראָ האָט איר אַזוי שלעכט אויסגעזען, און איך האָב קיין צייט ניט געהאַט אייך צו באַטראַכטן". „יאָ, — זאָגט זי — איך פיל זיך אַ ביסל שלעכט". איך נעם דעם פולס, האָרך אויס דאָס האַרץ. דאַן זאָג איך איר: „יאָ, איר זייט זייער נערוועז, איך וועל אייך פאַרשרייבן טראָפּנס, וועט אייך בעסער ווערן". דאַן קומט דאָס פרייִלן אַרויס מיט אַט די רייד: „איר, דאָקטאָר, זייט שולדיק, וואָס איך בין קראַנק. איך האָב זיך אויפגערעגט פון מיין שעף, דעם מאַיאָר מאַרינעסקו. נאָכדעם ווי איר האָט מיט אים היינט גערעדט, איז ער משוגע. מיר האָבן זיך געקריגט. ביז אַהער איז עס צווישן אונדז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען... מאַרינעסקו האָט צו מיר געזאָגט: „אפשר איז דער דאָקטאָר גערעכט, איך מוז אויסקלייבן אַן אַנדער פלאַן פאַר די יידן"... זיין רציחה — זאָגט זי — איז נאָכדעם אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז ער האָט מיך באַליידיקט"... מיטאַמאָל הייבט זי אָן צו שרייען: „איך וויל צוריק פאָרן קיין בוקאַרעשט, פון וואַנען איך בין געקומען. איך האָב ניט געוואָלט אַהער, ער האָט מיך אַהער געשלעפּט און איצט שרייט ער אויף מיר און באַליידיקט מיך. מאָרגן גיי איך ניט צו דער אַרבעט!... אייך, דאָקטאָר, בעט איך איר זאָלט אים זאָגן, אַז איך בין קראַנק און טאָר ניט אין ביוראָ אַר־בעטן." איך דערקלער איר, אַז איך וועל אַלץ טאָן פאַר איר. זי אָבער דאַרף מאַרינעסקון ניט דערציילן, אַז איך בין געקומען צו איר ניט איינגעלאַדן. זי זאָל אים זאָגן, אַז נאָך דער אַרבעט האָט זי געשיקט אַ פּאָליציסט מיך רופן.

אויף דעם אַנדערן טאָג גיי איך ווידער אין גובערנאַטור. איך טרעף דעם מאַיאָר אינגאַנצן אויפגערעגט. באַלד נעמט ער זיך אָבער צוזאַמען און זאָגט מיר: „איך גלויב ניט אין דער עפּידעמיע, נאָר איך וועל געפינען אַנ־דערע מיטלען פאַר די יידן." איך מאַך זיך ניט הערנדיק און פרעג אים אויף זיין געזונט. דערביי האָב איך געשפּירט, אַז ער האָט שוין אָפּגעלאָזן דעם פּלאַן וועגן געטאָ. איך דערצייל אים פון דער פרייִלן, וואָס איז קראַנק גע־וואָרן. „גייט, דאָקטאָר, און מאַכט זי גיך געזונט!" — באַפעלט ער מיר.

וועגן דעם איינדרוק פון דעם געשפּרעך האָב איך פאַרשטייט זיך, באַלד איבערגעגעבן די אַלע שטאָטישע עסקנים, וועלכע האָבן שוין אויסגעקוקט אויף אַ וועלכער ידיעה.

אויף דעם אַנדערן טאָג פאַרלאַנגט מאַרינעסקו ליסטעס פון די אַלע קראַנקע אין שפּיטאָל, ווי אויך פון דעם משוגעים־הויז און פון בית־היתומים.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און מען האָט אויסגעזידלט די מענטשן פון שפּיטאָל און משוגעים־הויז. ווי מיר האָבן שפּעטער געהערט, זיינען זיי אפילו ניט אָנגעקומען אויף דעם באַשטימטן אָרט. מען האָט זיי אומגעבראַכט אויפן וועג.

אין איין טאָג וויל מאַרינעסקו צונעמען די יתומים. יעדעס קינד באַקומט אַ רוקזאַק אויף צוזאַמענלייגן די זאַכן צו דער רייזע. די גרעסערע קינדער וויינען מיט בלוטיקע טרערן. ווידער אַמאָל מוז איך גיין און פּועלן מען זאָל די קינדערלעך ניט אַוועקשיקן. איך בעט מאַרינעסקון פּשוט, אַז ער זאָל די אומשולדיקע קינדערלעך איבערלאָזן ביזן סוף; דאַן קען ער זיי אויך פאַרניכטן צוזאַמען מיט מיר. ער זאָגט מיר צו. נאָך איין מאָל האָב איך מנצח געווען! איך לויף באַלד צו די קינדערלעך מיט דער בשורה: „קינדער, פּאַקט זיך אויס, איר בלייבט דאָ!..." די קינדערלעך נעמען טאַנצן פאַר פרייד! אַ הייליקער מאָמענט איז דאָס בילד פאַר מיר געווען. און איך האָב זיי עס אָט די פרייד געקענט פאַרשאַפן!

דאָס וואָס ד"ר רייפער האָט פאָראויסגעזען, איז אויך געקומען. נאָך אַ קורצער צייט, אום ווינטער 1943/44, האָט זיך געביטן דאָס מזל פון דער היטלער־אַרמיי. רומעניע האָט געענדערט איר פּאָליטיק, און באַלד איז דער מערדער מאַרינעסקו אָפּגערופן געוואָרן פון טשערנאָוויץ. עס איז געקומען אַן אַנדער גובערנאַטאָר, וועלכער איז געווען פריינטלעך צו יידן. די יידן האָבן זיך אַ ביסל אָפּגעכאַפּט, זיי האָבן שוין אויך געטאָרט גיין אין גאַס ביז 6 אַ זייגער פאַרנאַכט. מען האָט שוין אויך געטאָרט גיין דאַוונען, און די בתי־מדרשים זיינען געעפנט געוואָרן. אויך מיטן געלן שטערן איז שוין ניט געווען אַזוי שטרענג. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען אים אינגאַנצן שוין ניט געטאָרט טראָגן.

שפּעטער אַ ביסל האָבן זיך פיל יידן פון טשערנאָוויץ געלאָזט דורכן רומענישן האַפן קאָנסטאַנץ קיין ארץ־ישראל. ענדע זומער 1944 איז שוין רומעניע געווען ביי דער רויטער אַרמיי.

(צ.ה.ק. 287/130).

——— § § § ———

אין צ. ה. ק. ווערן צוגעגרייט צום דרוקן געטאָ־ און קאַצעט־לידער מיט נאָטן.
עס איז דער חוב פון יעדן לעבנגעבליבענעם ייד צו פאַראייביקן די לידער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין זיין געטאָ אָדער ק. צ. שטעלט זיך מיט אונדז אין פאַרבינדונג! אונדזער אַדרעס:

Central Historical Commission at the Central Committee of Liberated Jews in the American Zone of Occupation in Germany, Munich, Möhlstr. 12a

# אין ווייסרוסישע וועלדער

(ג ב י ת  ע ד ו ת)

## 1. אַ ר ו ם  ו ו אָ ל אָ ז ש י ן

איך בין געבוירן אין יאָר 1896 אין וואָלאָזשין, אַ שטאָט וואָס איז באַ־
רימט מיט איר ישיבה און געפינט זיך אויפן וועג צווישן ווילנע און מינסק.
געוווינט האָב איך אין האָראָדאָק, אויך אַ שטעטל אין זעלבער געגנט. דעם
25־טן יוני 1941 האָבן די דייטשן אָקופּירט האָראָדאָק. גלייך דעם ערשטן טאָג
פון זייער הערשאַפט איז געקומען אַ באַפעל, אַז אַלע מענער, סיי יידן און
קריסטן, פון 10 יאָר אַלט און ווייטער זאָלן זיך פאַרזאַמלען אויפן מאַרק־
פּלאַץ. אויב דער באַפעל וועט ניט אויסגעפירט ווערן, ווערט פאַרניכטעט
די שטאָט צוזאַמען מיט די איינוווינער. אויפן מאַרק־פּלאַץ האָבן די דייטשן
צעטיילט די מענער אין צוויי גרופּן — יידן און קריסטן. אַלע האָבן געמוזט
זיצן אויף דער ערד. צוויי קריסטן, וועלכע האָבן זיך אַביסל פאַרשפּעטיקט מיט
זייער קומען, זיינען דערשאָסן געוואָרן אין גאַס. דער פאַקט האָט אַרויסגערופן
אַ שרעקלעכע פּאַניק. די דייטשן האָבן אַלע פאַרזאַמלטע באַזוכט. ביי יידן
האָבן זיי אַלץ צוגענומען, ביי די קריסטן — ניט. פיל יידן, מיינענדיק, אַז
מען וועט זיי אַוועקפירן אויף אַרבעט, האָבן מיטגענומען מיט זיך פּעקלעך
עסנוואַרג. די דייטשן האָבן עס ביי יידן צוגענומען און פאַרטיילט צווישן די
קריסטן. נאָכן אָפּזיצן 5—6 שעה האָט מען באַפרייט די קריסטן. אין אַ שעה
שפּעטער — אויך די יידן. דעם 26.6, אויף מאָרגן נאָך דער אָקופּאַציע, איז ווידער
געשען אַ פאַל, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ טויט־שרעק אויף דער יידישער
באַפעלקערונג. ס'איז אין שטאָט אַריינגעפאָרן אַ טאַנק. אַ טאַנקיסט האָט
גלייך דערשאָסן אַ יידישן בחור, יעקב איידעלמאַן, האָט אויך פאַרוווּנדעט
אַ יידישע פרוי, וועלכע איז צוויי טעג שפּעטער געשטאָרבן. נאָך איין יידישער
בחור איז לייכט פאַרוווּנדעט געוואָרן אין אַ האַנט. די מערדער האָבן אים
אָבער פאַר אַלעמען אין די אויגן אַרונטערגעשניטן די האַנט.

אין אַכט טעג אַרום איז געקומען אַ באַפעל, וואָס האָט נאָמענטלעך
אויפגעפאָדערט 12 יידן זיך צו מעלדן אין קאָמענדאַנטור. דאָס זיינען געווען
די רייכסטע פון שטעטל, אויף וועמען די קריסטן האָבן אָנגעוויזן. אין קאָ־

מענדאַנטור האָט מען זיי געגעבן אַ באַפעל, אַז צייט 15 מינוט מוזן די יידן פון שטעטל צונויפברענגען אַלע ווערטפולע זאַכן. אויב ניט, ווערן די אַלע אַרטיקע יידן דערמאָרדעט. צען פון די גערופענע יידן האָבן די דייטשן אָפּגעלאָזט, כדי צו גיין עס מעלדן דעם יודענראַט, און צוויי — די ברידער שאַפּיראָ אריה און ראובן — האָבן זיי פאַרהאַלטן אַלס ערובניקעס. דער באַפעל איז אויסגעפירט געוואָרן, נאָר די ברידער שאַפּיראָ האָבן זיי נאָך ניט אָפּגעלאָזט. זיי זיינען אַוועקגעפירט געוואָרן אין שטעטל ראַדושקעוויטש. באַפרייט האָט מען זיי ערשט דאַן, ווען מען האָט פאַר זיי באַצאָלט אַ באַשטימטע סומע געלט — 500.000 רובל — און אַ גרויסן קוואַנטום מאַנופאַקטור און לעדער.

טאָג־טעגלעך האָט מען אונדז געטריבן צו דער אַרבעט, אַלעמען אָן אויסנאַם — מענער, פרויען און אפילו קינדער. ביי דער אַרבעט האָט מען אונדז אָנגעטאָן שרעקלעכע פייניקונגען. באַזונדערש האָט זיך ביי דעם אויסגעצייכנט די אָרטיקע פּאָליציי — ווייסרוסן און פּאָליאַקן. זעקס מאַן פלעגן זיי איינשפּאַנען אין אַ וואָגן מיט 60 פּוד (אַ טאָן) משא צו פירן עס אין מיל, וועלכע האָט זיך געפונען ווייט הינטער דער שטאָט. ווען די מענטשן פלעגן זיך, צוליב דער שווערער משא, אָפּשטעלן אויף אַ סעקונדע, פלעגט די פּאָליציי זיי שלאָגן מכות־רצח מיט קאָלבעס און אייזנס. דאָס בלוט פלעגט זיך גיסן, נאָר די פּאָליציי האָט ניט נאָכגעלאָזט. די משא האָט געמוזט צוגעשטעלט ווערן אויפן באַשטימטן אָרט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן די דייטשן ווידער גענומען 12 ערובניקעס און ווייטער געצווונגען די יידן אָפּצוגעבן דאָס פאַרמעגן. אַזוי האָבן מיר נאָך ביז דעם געטאָ געלעבט אין גאָר שווערע באַדינגונגען.

אין די ערשטע טעג פון חודש אדר תש"ב (ענדע פעברואַר 1942) האָבן די דייטשן געשאַפן דעם געטאָ. אין אַכט הייזער האָט מען צונויפגעשפּאַרט ביי 1500 יידן. נאָך גרויסער מי איז געלונגען צו איינשליסן אין געטאָ נאָך פיר הייזער. נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין פון פריער געהאַט אָפּגעגעבן אונדזער פאַרמעגן, האָבן די דייטשן ווידעראַמאָל גענומען אין געטאָ פרעסן ביי אונדז געלט און פאַרשיידענע סחורות. דער יודענראַט האָט וועלנדיק פאַרמיידן גזרות, גערופן יעדן יידן באַזונדער און אויפגעפאָדערט, ער זאָל אונטער אַ שבועה ביים רב (הרב גאַלפערין פון ראַקאָוו, וועלכער איז אויך געווען אַ מיטגליד פון אונדזער יודענראַט) אָנגעבן וואָס ער פאַרמאָגט נאָך; צי פאַרגראָבן, צי באַהאַלטן, צי פון אויבן־אויף.

אָנהייב חודש סיון (אין מיטן מאַי 1942) האָבן די דייטשן אַרויסגענומען פון אונדזער געטאָ הונדערט יוגענטלעכע און זיי אָפּגעפירט אויף אַרבעט אין




# צפון־מערב ווייסרוסלאַנד.

(צו די אַרבעטן „אין די ווייסרוסישע וועלדער”)

דערבייאיקער קראָסנע. צווישן די הונדערט זיינען געווען אויך מיינע צוויי קינדער, אַ טאָכטער פון 19 און אַ זון פון 17 יאָר. אויף זונטיק האָבן זיי געמעגט קומען אַ היים. דער יודענראַט האָט געהאַט רעכט איינציקע אַרבעטער צו טוישן, שיקנדיק אויף זייער אָרט אַנדערע. מיינע קינדער זיינען דאָרט פאַרבליבן דורך דער גאַנצער צייט.

אין עטלעכע וואָכן אַרום זיינען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן שחיטות אין די אַרומיקע שטעטלעך ווי; ראַקאָוו, ראַדושקעוויטש, וואָלאָזשין און אַנדערע. פאַר יעדן איינעם איז געוואָרן קלאָר, אַז די סכנה איז אומפאַרמיידלעך. מענטשן האָבן אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען. יעדער האָט זיך פעסט גענומען צו דער אַרבעט: בויען פאַר זיך אַ באַהעלטעניש, אַ „סכראָן"... איינמאָל, שבת פאַרטאָג אָנהויב אָב (אין מיטן יולי 1942 יאָר), האָבן מיר דערהערט אַ געדויש פון אויטאָס. די יידישע וואַך האָט אונדז גלייך איבערגעגעבן, אַז דאָס געטאָ איז אַרומגערינגלט. אין גרויס שרעק האָבן מיר גענומען לויפן אין די „סכראָנעס". די געשטאַפּאָ צוזאַמען מיט דער פּאָליציי — פּאָליאַקן און ווייסרוסן — זיינען באַפאַלן דעם געטאָ. זיי זיינען געלאָפן פון שטוב צו שטוב, אַרויסגעטריבן די יידן, שלאָגנדיק זיי דערביי מיט אייזנס, קאָלבעס און דרענגער. אויף דער גאַס האָבן זיי די מענטשן סאָרטירט. ביי וועמען ס'האָט זיך געגאָסן בלוט, האָבן זיי געטריבן אין שול, דאָרט איז געווען אַ זאַמל־פונקט. ביי וועמען קיין בלוט איז ניט געווען — האָבן זיי פאַרמירט אין רייען און שפּעטער מיט לאַסט־אויטאָס אָפּגעשיקט קיין קראַסנע אויף אַרבעט. די צאָל פון די אָפּגעשיקטע האָט דערגרייכט ביז 400 יינגערע מענער און אויך פרויען. חוץ די אָפּגעשיקטע קיין קראַסנע זיינען אין בית־המדרש געווען פאַרזאַמלט ביי 200 יידן. די דייטשן האָבן געמאַכט אַ חשבון, אַז עס פעלן נאָך ביי 900 יידן. זיי האָבן דאַן אַרויסגעלאָזן אַן אויפרוף צו די אַרבעטער, אַז אַלע באַהאַלטענע פאַכטענער זאָלן קומען זיך מעלדן, זיי וועט קיין שלעכטס ניט געשען. פיל אַרבעטער זיינען אַליין אַרויס פון די באַהעלטענישן. פיל זיינען אויך אויפגעדעקט געוואָרן אין זייערע „סכראָנעס". די אַלע יידן האָט מען אונטער קלעפּ צוזאַמענגעטריבן אין שול, ווו עס האָבן זיך שוין געפונען פון פריער די 200 יידן.

אין איין הויז, ביי אַ געוויסן צוקערמאַן, האָבן זיי געטראָפן די מענטשן אַרויסגייענדיק פון „סכראָן". זיי האָבן ביי דער פרוי צוקערמאַן גלייך צוגענומען איר צוויי־חדשימדיק קינד און עס אַריינגעוואָרפן אין אַ ברונעם ביים בית־המדרש. די צוויי עלטערע קינדער, דערזעענדיק דעם ביטערן גורל פון זייער ברודערל, האָבן גענומען שרעקלעך וויינען און בעטן זיך ביי דער מוטער, זי זאָל זיי ראַטעווען. די מוטער האָט די קינדער ניט פאַרלאָזן און צוזאַמען מיט זיי אַוועק צום טויט. די מערדער האָבן אָבער שפּעטער באַפוילן

די קינדער איבערצולאָזן און די פרוי אַליין געלאָזט פריי צוריק אין געטאָ.

די צוניפגעקליבענע מענטשן פון שול האָט מען אַוועקגעפירט אַ קי־לאָמעטער פון שטאָט, זיי אַריינגעטריבן אין אַ שייער און דאָרט לעבעדיקער־הייט פאַרברענט. אַ טייל מענטשן, וועלכע זיינען נאָך געווען באַהאַלטן אין געטאָ, זיינען ביינאַכט אַרויס פון זייערע באַהעלטענישן, געמיינט האָבן זיי, אַז דער שטורעם איז שוין אַריבער. די דייטשע קוילן האָבן זיי אָבער ניט פאַרמיטן; זיי אַלע זיינען געוואָרן דערשאָסן און באַערדיקט אין געטאָ. צוזאַ־מען זיינען אין דער שחיטה אומגעקומען ביי ניין הונדערט יידן.

אינמיטן נאַכט זיינען פון די „סכראָנעס" אַרויס נאָך ביי 200 מאַן. די אַלע זיינען גרופנווייז בשלום אָנגעקומען קיין קראַסנע. צווישן די לעצטע זיינען געווען: מיין פרוי, מיין דרייצן יאָריקע טאָכטער און איך. חוץ די אַלע זיינען אַכט מאַן גלייך פון האָראָדאָק אַוועק אין פאַרטיזאַנקע. צוועלף מאַן — צווישן זיי: איין דאָקטאָרין, דריי גאַרבער מיט זייערע פרויען און נאָך עט־לעכע פאַכמענער — האָבן די דייטשן נאָך איבערגעלאָזט אין האָראָדאָק, געלעבט האָבן זיי נאָך ביי זעקס מאָנאַטן.

אויפן וועג קיין קראַסנע האָבן מיר באַגעגנט אונדזער שוחט ר׳ הירש איידעלמאַן מיט זיינעם אַ זון. ער האָט אונדז דערציילט, אַז זיין פרוי, זיין שנור מיט זיינע צוויי אייניקלעך האָבן די מערדער אין שטוב אומגעבראַכט. ער מיט דעם זון האָבן זיך באַהאַלטן אויפן בוידעם צווישן קאַסטנס, און צופעליק האָט מען זיי ניט באַמערקט. ליגנדיק אויפן בוידעם האָבן זיי דורך די שפּאַרעס געזען, ווי מען האָט פון אַ שטוב אַרויסגעפירט אַ יידישע פאַ־מיליע. דעם פאָטער פון דער פאַמיליע האָט מען גלייך דערשאָסן און די פרוי מיט די קינדער האָט מען געצווונגען צו טרינקען זיין אָפּפליסנדיק וואַרעם בלוט.

די אָנפירער פון דער שחיטה זיינען געווען שמיט און גענדעל, די באַ־וואוסטע ס״ס־מערדער אין אונדזער אומגעגנט.

אין קראַסנע האָבן זיך קאָנצענטרירט די אַלע לעגאַל־ און אומלעגאַל־לעבן־געבליבענע יידן פון נאָך די שחיטות אין די שטעטלעך: וואָלאָזשין, איוויע, ראַדן און האָראָדאָק. אין קראַסנע איז אויך פון פריער שוין געווען פיל יידישע יוגנט, וואָס איז אַהער געשיקט געוואָרן אויף אַרבעט. צוזאַמען זיינען דאָ געווען ביי 8000 יידן. אין קראַסנע גופא איז געשאַפן געוואָרן אַ געטאָ, און אַ קילאָמעטער הינטערן שטעטל — אַן אַרבעטס־לאַגער. אין גע־טאָ זיינען געווען ביי 4000 מאַן, און אין לאַגער — ווידער ביי 4000 מאַן. דער קאָמענדאַנט פון לאַגער און געטאָ איז געווען דער געשטאַפּאָ־מאַן קונד.

די יידן סיי פון געטאָ און סיי פון לאַגער האָבן געאַרבעט אין די געווער־מאַגאַזינען („פעלצוג־פּאַרק"), ביים אָנלאָדן און אויסלאָדן אַמוניציע, ווי אויך ביי בוי־אַרבעט („בוי־שטעלע"), ביי דער באַן־ליניע, אין די טאַרטאַקן

און בײַ אַנדערע שווערע אַרבעט. מײַן פֿרוי מיטן זון און ייִנגערע טאָכטער זײַנען געווען אין געטאָ און געאַרבעט אין די אַמוניציע־מאַגאַזינעס. איך מיט מײַן עלטערע טאָכטער זײַנען געווען אין לאַגער און געאַרבעט בײַ דער „בוי־שטעלע".

דער גרעסטער טייל פֿון די יוגנטלעכע, דער עיקר וועלכע האָבן שוין פֿאַרלאָרן זייערע פֿאַמיליעס, דערהערנדיק אַלץ ווײַטער די טרויעריקע בשׂורות פֿון די אַרומיקע שטעטלעך, האָבן באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן אין וואַלד און מיט געווער אין האַנט נקמה נעמען אָן שונא. אָרגאַניזירטערהייט האָבן זיי אָנגעהויבן זאַמלען געווער, וואָס זיי פֿלעגן גנבֿענען בײַ דער אַרבעט אין מאַגאַזין. פֿאַרשטעקן עס אין די הויזן אָדער אין די באַקומענע האַלץ צום הייצן און נאָכדעם אַרײַנשמוגלען אין געטאָ, ווו דאָס געווער איז געזאַמלט געוואָרן אין אַ קאָנספּיראַטיוון אָרט. אַן ערך פֿיר וואָכן נאָך דער שחיטה אין האָראָדאָק איז די ערשטע גרופּע אַנטלאָפֿן אין וואַלד. צען מאַן זײַנען עס געווען; די צוויי ברידער ראָגאָווין זעליק און אָרע; אַ דריטער ראָגאָווין זייערס אַ קוזין; שקליוט הירשל; שקליוט משה; גאָל אײַזיק; מאַנע מענדל; די צוויי ברידער שפּרינגער און חנן עלטערמאַן. איינער פֿון די ברידער שפּרינגער, וועלכער האָט געאַרבעט אַלס אַרבעטס־ראַטגעבער, האָט אין מיטן טאָג אַרונטערגענומען פֿון וואַנט דעם „בוי־ראַטס" (אַ דײַטש) אויטאָמאַט און איז אַנטלאָפֿן אין וואַלד. נאָך אים זײַנען אַרויס אַלע איבעריקע פֿון דער גרופּע.

שוין געפֿינענדיק זיך אין וואַלד, האָבן די צען יונגע פּאַרטיזאַנער זיך דערוווּסט פֿון באַקאַנטע קריסטן, אַז אין איינעם פֿון די נאָענטסטע טעג דאַרפֿן עטלעכע פּאָליציאַנטן פֿון האָראָדאָק פֿאָרן נאָך פּראָדוקטן קיין מאָלאָדעטשנע. די קליינע גרופּע, כאָטש נאָך אומדערפֿאַרן, אָבער העלדישע פּאַרטיזאַנער, האָבן דאַן אויסגעאַרבעט אַ גענויעם פּלאַן פֿון אַן איבערפֿאַל אויף די פּאָליציאַנטן. זיי זײַנען אַוועק אויפֿן טראַקט און אין אַ פֿאַרמאַסקירט אָרט אָפּגעוואַרט דעם שונא. דער איבערפֿאַל איז זיי געלונגען. זעקס פּאָליציאַנטן האָבן זיי דערשאָסן, באַוויזן אַראָפּצונעמען פֿון זיי דאָס געווער און אין דער ריכטיקער צײַט זיך צוריקצוציען. נאָך דעם האָבן זיי, אַ דאַנק דעם דערוואָרבענעם געווער, אַרויסגענומען נאָך זעקס מאַן פֿון געטאָ. די פּאַרטיזאַנער־גרופּע איז שוין איצט באַשטאַנען פֿון 16 מאַן.

איינמאָל האָט די פּאַרטיזאַנער־גרופּע דערהערט פֿון ניט גאָר ווײַט אַ שטאַרקע איבערשיסונג. פֿאַרשטייענדיק, אַז דאָס מוז זײַן אַ שלאַכט מיט דערבײַיִקע פּאַרטיזאַנער, האָבן זיי בראָש מיטן קאָמאַנדיר חנן עלטערמאַן זיך געלאָזט צו הילף. ווען זיי זײַנען געקומען אויפֿן אָרט, האָבן זיך שוין די פּאַרטיזאַנער געהאַט צוריקגעצויגן, ווײַל די שלאַכט איז זיי ניט געלונגען. געטראָפֿן האָבן זיי בלויז איין פֿאַרווונדעטן פּאַרטיזאַן, וועלכן די חברים האָבן

אין דער בהלה איבערגעלאָזט. דער פאַרוואַנדעטער, וועלכער איז געווען דער בריגאַדע־קאָמאַנדיר פון טשקאַלאָווסקער בריגאַדע (גריבאַנאָוו), האָט זיי גע־בעטן זיי זאָלן אים אַוועקפירן אין די פערשייער וועלדער, ווו עס שטייט זיין בריגאַדע. זיי האָבן עס געטאָן. דערפאַר זיינען זיי אַלע דורך זיין רעקאָמענ־דאַציע אָנגענומען געוואָרן אין אָטריאַד „קוזניעצאָוואַ" פון דער זעלבער ברי־גאַדע. אונדזערע 16 פאַרטיזאַנער האָבן אָבער ניט געקענט רוען אָן נקמה פון שונא. זיי האָבן זיך כסדר באַמיט, ביי זייער קאָמאַנדיר, אַז דער אָטריאַד זייערער זאָל גיין אויף האָראָדאָק. זיי איז אויך געלונגען דורכצופירן זייער ווילן. ענדע האַרבסט 1942 זיינען זיי אין אַ באַשטימטן אָוונט אַוועק אויף האָראָדאָק. דער אָטריאַד האָט דאַן געציילט ביי 300 מאַן, און אין האָראָדאָק זיינען דעם שונאס קרעפטן, דייטשן מיט פּאָליציאַנטן, באַשטאַנען קרוב פון 200 מאַן. נאָך אַן אַכט שעהדיקן קאַמף איז דער אָטריאַד פרי באַגינען געווען געצוואונגען אָפּצוטרעטן, באַוויזנדיק מיטצונעמען מיט זיך טויטע און פאַר־וואונדעטע. צווישן די געפאַלענע זיינען געווען צוויי יידן פון די 16 מאַן.

נאָכן צוריקקומען אין וואַלד איז חנן עלטערמאַן, מיט אַ דערלויבניש פון קאָמאַנדיר, אַוועק אין קראַסנע, כדי צו אָנקניפּן אַ פאַרבינדונג מיטן לאַ־גער און געטאָ און רעגלמעסיק צו קענען אַרויספירן פון דאָרטן באַוואָפנטע גרופּן אין וואַלד אַריין. ווי קיין זאַך וואָלט גאָר קיינמאָל ניט פאַסירט, איז ער זיך, חנן, ווידער טאָג־טעגלעך געגאַנגען אין קראַסנע צו דער אַרבעט. פאַר די אַרבעטס־אויפזעער, ביי וועלכע ער איז געווען שטאַרק באַליבט, האָט ער דערקלערט, אַז אין דער דורכגעלאָזטער צייט איז ער געווען קראַנק. דערווייל האָט ער זיך אַזוי אין דערשטיל אָרגאַניזירט אַ גרופּע אַרבעטער, וועלכע פלעגן טאָג־טעגלעך אַרויסטראָגן געווער פון די מאַגאַזינען. אין אַ גע־וויסע נאַכט איז ער ווידער מיט אַ גרופּע פון דרייסיק מאַן אַנטלאָפן אין וואַלד. די שפּורן פון זייער אַנטלויפן זיינען אונדז אָנגעקומען לייכט צו פאַרווישן. ביי אונדז פלעגן פון עפּידעמישע קרענק און שלעכטע לעבנס־באַדינגונגען שטאַרבן טעגלעך פון 8 ביז 10 מאַן. האָט עס פאַר דער מאַכט געהייסן, אַז די אַנטלאָפענע — זיינען געשטאָרבן. אויך נאָך דעם אַנטלויפן פון די 30 מאַן איז ביי אונדז געבליבן אַ געהיימע יידישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט גע־האַט פאַרבינדונגען מיטן וואַלד און האָט רעגלמעסיק געליפערט אַהין געווער און יידישע פאַרטיזאַנער־גרופּעס.

דאָס לעבן אין קראַסנע איז פאַר די יידן געגאַנגען זייער שווער. מיר האָבן זייער שלעכט געלעבט און טאָג טעגלעך אויסגעפירט די שווערסטע אַרבעט אונטער די קאַנטשיקעס פון דער געשטאַפּאָ און פּאָליציי. אויף טראָגן אַ דיקע קלאָץ פון 16 מעטער די לענג פלעגן זיי שטעלן 12 מיידלעך, נאָך יונגע קינדער, וועלכע פלעגן זיך מאַטערן ביזן טויט, ניט קענענדיק

עס רירן פון אָרט. פלעגט ווער פון די מענער זיי פרוון העלפן, איז ער פון די מערדער געשלאָגן געוואָרן ביז אָנמאַכט. מיר האָבן געפילט, אַז מיר גייען צום גרונט, און דער גרעסטער טייל פון אונדז האָט באַשלאָסן צו אַנטלויפן אין וואַלד.

ווען דער יודענראַט האָט דערהערט, אַז דאָס אַנטלויפן נעמט אָן אַ מאַסן־כאַראַקטער, האָט ער געוואָרנט, מען זאָל ניט לויפן, ווייל ס'וועט צוליב דעם אומגעבראַכט ווערן דאָס רעשט ביסל יידן אין קראַסנע. איינמאָל ווען צום יודענראַט איז דערגאַנגען אַ ידיעה, אַז ביינאַכט דאַרף פון אַ באַשטימטן אָרט אין געטאָ — פון אַ שייער — אַנטלויפן אַ גרופע יידן אין וואַלד, האָבן זיי געשיקט צוויי מיליציאָנערן — לייבע באַראַנאָוויטשן און ליבערמאַנען — זיי זאָלן שטערן דער גרופע אין אַנטלויפן. אין שייער האָט מען זיי ניט געוואָלט אַריינלאָזן. האָבן זיי אויפגעריסן די טיר און אַריין אינעווייניק. איינער פון דער גרופע — מאַלקין פון וואָלאָזשין, — איז פון גרויס אויפרעגונג צוגעלאָפן צו אַ מיליציאָנער און אים געגעבן אַ שטאַרקן פאַטש. דער מיליציאָנער האָט זיך באַגאָסן מיט בלט. די צוויי מיליציאָנערן זיינען אַוועק איבערגעבן דעם יודענראַט וועגן דעם גאַנצן פאָרפאַל. דערווייל איז אַ גרופע פון צען מאַן אַרויס פון געטאָ, אַריבערגעשווומען די בערעזינא און זיך דערלאַנגט צום וואַלד, צו דער „משקאַלאָווסקער" בריגאַדע.

די יידישע פאַרטיזאַנער האָבן ווידער שטאַרק מיטגעווירקט צו אויסאַרבעטן אַ נייעם פלאַן פון אַן איבערפאַל אויף האָראָדאָק. דאָס מאָל שוין אין אַ גרעסערן מאַסשטאַב. אין אַ נאַכט פון אָנהייב שבט תש"ב (יאַנואַר 1943) איז די גאַנצע „משקאַלאָווסקע בריגאַדע" — 3000 מאַן — אַוועק אויף האָראָדאָק. אָפשניידנדיק אַלע וועגן פון די אַרומיקע דייטשע גאַרניזאָנען מיט לויערונגען, האָבן זיי אַרומגערינגלט די שטאָט, און חנן עלטערמאַן האָט, זיך אַריינשלייכנדיק אַהין, אַריינגעוואָרפן אַ גראַנאַט אין דייטשן פּאָליציי־אַמט. דאָס איז געווען דער צייכן אויף עפענען אַ פייער. די דייטשן צוזאַמען מיט די פּאָליציאַנטן האָבן אין גרויס צעטומלעניש געגומען פאַרלאָזן די שטאָט, נאָר אומעטום האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף פאַרטיזאַנער. עס זיינען פון זייער זייט געווען זייער פיל קרבנות. פון די פאַרטיזאַנער — נאָר עטלעכע, צווישן זיי צוויי יידן. די פאַרטיזאַנער זיינען אַריין אין שטאָט, צוגענומען די בהמות, פערד און דאָס נויטיקסטע. דאָס שטעטל איז געוואָרן אין עטלעכע ערטער אונטערגעצונדן. די פאַרטיזאַנער האָבן דאָ אָנגעטראָפן די 12 יידן־פאַכמענער, וועלכע זיינען געוואָרן איבערגעלאָזט נאָך דער האָראָדאָקער שחיטה. די פאַרטיזאַנער האָבן זיי פאָרגעלייגט צו גיין אין וואַלד. די יידן האָבן אויף זייער פאָרשלאָג ניט איינגעשטימט. גלייך אויף מאָרגן נאָך דעם איבערפאַל האָט מען די צוועלף יידן אַריבערגעפירט אין ראַדושקעוויטש, ווו זיי זיינען

צוויי טעג שפּעטער אומגעקומען אין דער גרויסער שחיטה, וואָס איז דאָרט דאַן פאָרגעקומען.

דערהערענדיק פון דער שחיטה אין ראַדושקעוויטש, איז אונדז אין קראַסנע באַפאַלן אַ טויט־שרעק. מיר האָבן געפילט אַז די ריי קומט באַלד אויף אונדז. איין טאָג פאַר פורים תש"ג (מערץ, 1943) בין איך געזעסן מיט מיין פאַמיליע און מיט דער פאַמיליע געלפער פון האָראָדאָק און ריידנדיק וועגן אונדזער ביטערן גורל האָב איך זיי פאָרגעלייגט צו אַנטלויפן אין וואַלד. קיינער פון זיי איז מיט מיר ניט געווען איינשטימיק. זיי האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אויפן אָרט און פאַרלאָזן זיך אויפן גורל. דעם זעלבן אָוונט איז צו מיר געקומען אַ באַקאַנטער פויער (סטאַרוקעוויטש) און מיר גערופן צו זיך אויף אַרבעט. גלייכצייטיק האָט ער אָבער מיר געבעטן, אַז קיינער זאָל פון דעם ניט וויסן. קיין זאַך ניט פאַרדאַכטנדיק, האָב איך צו זיינע רייד קיין שום וויכטיקעס ניט צוגעגעבן. איך האָב נאָר געמיינט, אַז ער האָט עס מורא, מען זאָל זיך ניט דערוויסן, אַז ער האָט צו טאָן מיט יידן. אויף מאָרגן פינף אַ זייגער פאַרטאָג בין איך בגנבה אַרויס פון לאַגער און אַוועק צום קריסט אויף דער אַרבעט. האַלב אַכט אַ זייגער, ווען כ'בין שוין געשטאַנען ביי דער אַר־בעט, איז צו מיר אַריינגעקומען דער קריסט און מיר איבערגעגעבן, אַז מיט אַ האַלבער שעה צוריק האָט מען אַרומגערינגלט דעם געטאָ, דעם לאַגער און אפילו באַוואַכט די שטאָט. אַ קאַלטער שוויס האָט מיך באַגאָסן. כ'האָב האַלב־משוגע אַלץ אַ וואָרף געטאָן און געוואָלט לויפן. איך האָב אין דעם מאָמענט געהאַט אַ שטאַרקן באַגער צו זיין צוזאַמען מיט מיין פאַ־מיליע. דער קריסט האָט אָבער מיך פאַרהאַלטן, דערווייזנדיק ווי נאַריש ס'איז פון מיין זייט אַזוי צו האַנדלען, ווייל צו מיין פאַמיליע וועל איך אַלץ איינס ניט דערגיין און זיך אַליין שטעל איך אויס אויף אַ זיכערן טויט.

איבערגעטאָן אין פויערשע קליידער און פול — באַלאָדן מיט שטומען צער און ווייטאָג, בין איך אין אַ האַלבע שעה שפּעטער הינטער דער שטאָט געווען. (דער פויער האָט מיר דערמעגלעכט דאָס אַוועקגיין, אַרויספירנדיק מיך דורך זיין גאָרטן). אָן אַ באַשטימטן ציל פאַר זיך האָב איך זיך געלאָזט גיין גלייך מיטן טראַקט. ניט טראַכטנדיק וועגן דער געפערלעכקייט פון אַזאַ מאַרשרוט. אָפּגייענדיק אַ פאָר קילאָמעטער, בין איך אינסטינקטיוו שטיין געבליבן לעבן אַ דערבייאיק בערגל. ס'האָט אין מיין מוח אַדורכגעבליצט אַ געדאַנק — אפשר קען מען פון דאַנעט עפּעס זען! כ'בין מאָמענטאַל אַרויף אויפן באַרג און מיינע בליקן צו קראַסנע געווענדעט. — פייערצונגען מיט זיילן רויך האָבן זיך מיט רעש און געפילדער צום הימל געריסן... —

כ'בין נאָך לאַנג אויפן בערגל געשטאַנען, ביז כ'האָב אַביסל מיינע גע־דאַנקען צוזאַמענגענומען, זיך באַזינט און ווידער זיך געלאָזט גיין מיטן טראַקט צו האָראָדאָק. שפּעטער, שוין פאַרנאַכט־צו, האָב איך באַגעגנט אַ פויער,

װעלכער איז געגאַנגען פֿון קראַסנע. פֿון אים האָב איך זיך דערװוּסט דעם פֿאַרלויף פֿון דער שחיטה. נאָכן אַרומרינגלען דעם געטאָ און לאַגער האָבן די פּאָליציי צוזאַמען מיט די דײַטשן גענומען טרײַבן די יידן אין באַראַקעס נים װײַט פֿון געטאָ, מיטן אױסרייד, אַז דאָרט װעט מען זיי אײַנשפּריצן קעגן הערשנדיקן טיפֿוס. אפילו די, װעלכע זײַנען אַרױס צו דער אַרבעט האָט מען אומגעקערט און אַרײַנגעטריבן אין די באַראַקעס. די צונױפֿגעטריבענע האָט מען שפּעטער באַפֿױלן זיך אױסטאָן נאַקעט און צו 20 מאַן מיט אױטאָס זיי געפֿירט צו אַ שײַער נים װײַט פֿון שטאָט. װען די 20 מאַן פֿלעגן שוין האָבן געהאַט אַראָפּ פֿון אױטאָ, פֿלעגן די מערדער אַרײַנשיסן מיט אױטאָמאַטן אין זיי און נאָכדעם זיי אַלעמען — װעמען טויטע, װעמען האַלב־לעבעדיקע און װעמען בלויז לײַכט־פֿאַרװוּנדעטע — װי מיסט צונױפֿװאַרפֿן אין שײַער. װען דער שײַער איז שוין פֿול געװאָרן — האָבן די מערדער אים אונטערגעצונדן. די שפּעטערדיקע פּאַרטיעס יידן האָבן זיי געװאָרפֿן אין אַ צװײטן שײַער, און װען דער איז פֿול געװאָרן — אים װידער אונטערגעצונדן. און אַזױ איז די „אַרבעט" אָנגעגאַנגען — ביז די צאָל יידן האָט זיך אױסגעלאָזט. אין דער שחיטה איז אומגעקומען אױך מײַן פֿרוי מיט די דרײַ קינדער. אַלע אַכט טױזנט יידן אין קראַסנע, פֿון קלײן ביז גרױס, זײַנען אַדורכגעגאַנגען די זעלבע טױטן־פּראָצעדור. געראַטעװעט האָבן זיך בלויז אַכט מאַן.

אין אָװנט בין איך אָנגעקומען אין האָראָדאָק. כ'בין אַרײַן אין מײַן אײגענע שטוב, אין װעלכער אַ פּויער האָט איצט געװוינט, אין שטאָט איז קײן צאָליציי־אַמט נים געװען, װײַל די פּאַרטיזאַנער האָבן אים נים לאַנג צע־טריבן. בײַנאַכט האָט מען צו אונדז אָנגעקלאַפּט און געפֿרעגט, צו דאָ זײַנען ניטאָ קײן פֿרעמדע מענטשן. דאָס זײַנען געװען פּאַרטיזאַנער. (מײַן שטוב איז געװען אָנאַזױט שטאָט און מען האָט צו איר געקענט צוקומען פֿון די פֿעל־דער). איך בין צו זיי אַרױס, עס זײַנען געװען צען יידישע פּאַרטיזאַנער פֿון סטאַריצקעס אָטריאַד, אַלע האָראָדאָקער. פֿון דער שחיטה אין קראַסנע האָבן זיי נאָך קײן שום גענױערס נים געװוּסט. איך האָב זיי פֿון אַלעם איבערגעגעבן.

מיט דער הסכמה פֿונעם אָטריאַד־קאָמאַנדיר האָב איך זיך אָן זיי אָנ־געשלאָסן. דער קאָמאַנדיר האָט דאַן אונדז, אַ גרופּע פּאַרטיזאַנער, געשיקט צום בירגערמײסטער פּראָדוכאַ, צו אױספֿירן אױף אים אַ טױט־אורטײל. מיר זײַנען אַװעק, אַרױסגעפֿירט דעם בירגערמײסטער פֿון שטוב, און דער יידישער פּאַרטיזאַן ראָגאָװין האָט אים געגעבן אַ קױל אין קאָפּ. בײַם בירגערמײסטער האָט געדינט אַ רוס. אַהינטערגעבליבענער פֿון דער רוסישער אַרמײ אין 1941. ער האָט אונדז איבערגעגעבן װוּ עס איז בײַם בירגערמײסטער פֿאַרגראָבן אָנגערױבטע יידישע זאַכן. מיר האָבן אַלץ אױפֿגעגראָבן און דאָס װיכטיקסטע

מיטגענומען, מיר האָבן אַרויסגעפירט זעקס פּורן יידישע גוטס. דער רוס איז אויך אָנגענומען געוואָרן פאַר אַ פּאַרטיזאַנער.

די זעלבע נאַכט זיינען מיר אַוועקגעפאָרן אין אָטריאַד, אין פערשייער וועלדער. דאָרט האָבן מיר זיך צוזאַמענגעטראָפן מיט נאָך באַקאַנטע יידישע פּאַרטיזאַנער. נאָך אַ לענגערן שמועס האָבן מיר אַלע צוזאַמען באַשלאָסן צו נעמען וואָס מער נקמה פון שונא. חנן עלטערמאַן איז געווען שעף פון דער אויסשפּירונג. פאַר אים האָט זיך די גאַנצע אומגעגנט געטרייסלט.. ער פּלעגט אויספאָרשן ווער און ווו מען האָט אַ יידן עפּעס שלעכטס געטאָן און זיך גלייך מיט יענע אָפּרעכענען. אויסשיסנדיק די שולדיקע, פלעגט ער זייער פּאַרמעגן קאָנפיסקירן און זייערע הייזער פאַרברענען. די דייטשן האָבן אים פאַר יעדן פּרייז געוואָלט כאַפּן און באַשטימט פאַר זיין קאָפּ אַ באַלוינונג פון 25.000 מאַרק. פינף פּאַרטיזאַנער פון אונדזער אָטריאַד, צווישן זיי עלטער־מאַן, זיינען איינמאָל אַוועק אין ראַיאָן דורכצופירן אַן אָפּעראַציע. שטאַרק אויסגעמאַטערט, האָבן זיי זיך, ניט אויסשטעלנדיק קיין וואַך, אָפּגעשטעלט אין אַ פּויערש הייזל צו טאָגן. דער קריסט האָט זיי, ווייזט אויס, אַרויסגעגבן. בייטאָג זיינען געקומען אַ גרופּע דייטשן מיט פּאָליציאַנטן, באַוואָפנט מיט מאַשין־געווער. און אַרומגערינגלט דאָס הויז. אונדזערע פּאַרטיזאַנער האָבן זיך שטאַרק אָפּגעשאָסן, נאָר באַלד איז דאָס הויז געשטאַנען אין פלאַמען. עלטערמאַן האָט אַ פּראַל־אויף געגעבן די טיר און אין דער געדיכקייט פון רויך אַרויסגעלאָפן אויפן גאַס. ניט פאַרלירנדיק זיך האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ פערד און איז אָפּשיסנדיק זיך אַנטלאָפן. ניט געקוקט אויפן האָגל קוילן, וואָס האָט זיך אויף אים געשאָטן, איז ער פון דער געפאַר אַרויס גאַנץ. די אי־בעריקע פיר פּאַרטיזאַנער איז ניט געלונגען זיך צו ראַטעווען. ביי די קריסטן איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז עלטערמאַן איז אומגעקומען. עלטערמאַן אָבער האָט זיך געפילט פריש און געזונט; ניט אָפּרוענדיק זיך אפילו איז ער צוזאַ־מען מיט די ברידער ראָגאָווין און לידסקי כסדר ווידער געגאַנגען אויף דער „זשעלעזקע". געריסן באַן־ליניעס, אויפגעריסן עשאַלאָנען, געברענט בריקן און פון אַלע סכנות שטענדיק גאַנץ אַרויס. אין חודש אָב תש"ג (אַווגוסט 1943) האָבן די דייטשן געמאַכט אַ גרויסע בלאָקאַדע אויף די וועלדער. זיי האָבן אַהער געוואָרפן אַן אַרמיי פון 120.000 דייטשן, וולאַסאָווצעס און פּאָליציי פין דער אומגעגנט. פינף טעג האָט ביי אונדז די בלאָקאַדע געדויערט. מיר האָבן מיט שטורעם אַדורכגעריסן אַ וועג און אַריבער ווייטער אין ראַיאָן. בעתן שלאַכט זיינען פון אונדזער בריגאַדע געפאַלן 20 פּאַרטיזאַנער, פון דעם — ביי זעקס יידן.

ענדע 1943 האָבן מיר געמאַכט אַן אָנפאַל אויף האָראָדאָק. מיר האָבן דאָס נייטיקסטע פאַר אונדז צוגענומען און די שטאָט פאַרברענט.

אין מערץ 1944, פאַר דער גרויסער אָפענסיווע אויפן ווייסרוסישן

פראָנט, האָט זיך אויף אונדז ווידער געגרייט אַ גרויסע בלאָקאַדע. די דייטשן האָבן גענומען מאָביליזירן די יוגנט. ווי אַן ענטפער אויף דעם האָבן מיר, די פּאַרטיזאַנער, באַקומען אַ קעגן־באַפעל צו פאַרלויפן די דייטשן און אַליין נעמען מאָביליזירן די דאָרפס־יוגנט אין פּאַרטיזאַנקע. ביי 800 מאַן פון אונ־דזער בריגאַדע זיינען אַוועק דורכפירן דעם באַפעל. זיי האָבן זיך צעטיילט אין צוויי גרופּן, צו 400 מאַן יעדערע. איין גרופּע, אין וועלכער ס׳האָט זיך גע־פונען יעקב איידעלמאַן, האָט זיך דערוווּסט, אַז ניט ווייט פון דאַנען גייט אַן אָפּטיילונג דייטשן צוליב דעם אייגענעם צוועק וואָס זיי, מאָביליזירן די דאָרפס־יוגנט. די פּאַרטיזאַנער זיינען זיי אַרויס אַנטקעגן און אָנגעהויבן אַ שלאַכט. יעקב איידעלמאַן (אַ קוזין פון דעם יעקב איידעלמאַן, וואָס איז דער־מאָרדעט געוואָרן פון אַ דייטשן טאַנקיסט אין די ערשטע טעג פון דער אָקו־פּאַציע), דערזעענדיק ווי אַ דייטש וויל אָנשטעלן אויף זיי אַ מינען־וואַרפער, איז צום זעלבן צוגעלאָפן און זיך מיט אים גענומען ראַנגלען ביז ער האָט ביי אים אַרויס־געריסן דעם ביקס, אים דערוואָרגן און דעם מינען־וואַרפער געבראַכט צו די פּאַרטיזאַנער. נאָך אַ זעקס־שעהדיקער שלאַכט זיינען די דייטשן געווען גע־צוווּנגען אָפּצוטרעטן, איבערלאָזנדיק ביי 50 טויטע און אַ סך אַמוניציע. נאָך דער שלאַכט האָט דער קאָמאַנדיר פון „מאַראָזאָווסקי״ אָטריאַד געהאַלטן פאַר די פּאַרטיזאַנער אַ רעדע, אין וועלכער ער האָט עפנטלעך געדאַנקט און געלויבט יעקב איידעלמאַנען פאַר זיין העלדישקייט. דער קאָמאַנדיר האָט אין זיין רעדע אויסגערופן: „מען זאָגט, אַז יידן זיינען פּחדנים, אָט קוקט אָן: עס שטייט פאַר אייך דער גרויסער העלד יעקב איידעלמאַן, אַ ייד, — לערנט זיך פון אים!״

אין 4 וואָכן שפּעטער זיינען פון אונדז 12 פּאַרטיזאַנער, צווישן זיי איין ייד, דער זעלבער איידעלמאַן, אַוועק אויף אַ לויערונג. אין אַ געוויסן אָרט, וווּ ס׳איז געווען ניט זיכער אַדורכצוגיין, האָבן זיי געשיקט פיר מאַן צום אויסשפּירן. די דייטשע לויערונג, וועלכע איז דאָרט דאַן געלעגן, האָט זיי אַדורכגעלאָזט, כדי צו קענען באַפאַלן די גאַנצע גרופּע. די 12 מאַן זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ קרייץ פון קוילן. תחילת האָבן זיי אויפגענומען אַ שלאַכט. שפּעטער אָבער, זעענדיק אַז די דייטשן — צוליב זייער שטאַרק איבערוועגנ־דיקער מערהייט און גוטע פּאָזיציעס — קענען זיי אַריינגעמען אין אַרומרינג־לונג, האָבן זיי זיך אָפּשיסנדיק צוריקגעצויגן. דער צווייטער נומער פון יעקב איידעלמאַנס קוילן־וואַרפער האָט געוואָרפן זיין ביקס און איז אַנטלאָפן. בלויז איין איידעלמאַן איז געבליבן אין אַרומרינגלונג. ווען דער קאָמאַנדיר האָט דערזען, אַז אין דער צוריקגעקערטער גרופּע פעלט איידעלמאַן, איז ער גע־וואָרן שרעקלעך אויפגעבראַכט. ער האָט אַרויסגערופן דעם צווייטן נומער פון איידעלמאַנס קוילן־וואַרפער און אים עפנטלעך געמאָלדן, אַז אויב אין פאַר־לויף פון היינטיקן טאָג וועט זיך איידעלמאַן ניט צוריקקערן, וועט ער פאַר

זיין שענדלעכער האַנדלונג באַצאָלן מיטן קאָפּ. צוויי שעה שפּעטער איז גע־קומען איידעלמאַן געזונט און מונטער, טראָגענדיק דעם קוילנוואַרפער, די דיסקן און דעם ביקס, וואָס דער פּאַרטיזאַן האָט געוואָרפן. ער האָט באַוויזן אַ גאַנצער זיך אַרויסצוּרייסן פון אַרומרינגלונג, דערשיסנדיק דערביי אַ פּאָר דייטשן. איידעלמאַן האָט פאַר זיין אומדערשראָקנקייט באַקומען אַ גרויסע אויסצייכענונג, אַ העכערן מיליטערישן ראַנג און איז געוואָרן „קאָמאַנדיר זוואָדאַ".

אויף אונדז האָט זיך גענומען גרייטן אַ שטאַרקע בלאָקאַדע. עס איז שוין אפילו געשטאַנען גרייט מיליטער צו דעם צוועק. נאָר די אָנגעהויבענע אָפּענסיווע אויפן ווייסרוסישן פראָנט האָט צונישט געמאַכט די דייטשע פּלע־נער. די סאָוויעטישע אַרמייען האָבן געפייערט איין ניצחון נאָכן צווייטן, און דער פראָנט האָט זיך גערוקט אַלץ נענטער צו אונדז.

ווען דער פראָנט האָט זיך שוין צוגערוקט גאָר נאָענט צו אונדז און די דייטשן זיינען געלאָפן אָן אָטעם, האָט חנן עלטערמאַן געבעטן ביים קאָמאַנ־דיר אַ דערלויבניש צו גיין מיט זיין „וזוואָד" איבערשניידן די דייטשן דעם וועג. דער קאָמאַנדיר האָט לכתחילה נים געוואָלט איינשטימען. עלטערמאַן האָט אָבער זיין פּלאַן נים אויפגעגעבן און אַלץ נים אָפּגעלאָזט דעם קאָמאַנ־דיר, ביז יענער האָט איינגעשטימט. עלטערמאַן איז מיט זיין וזוואָד אַוועק אויפן טראַקט איוועניעץ—באקשט—איוויע—לידע און זיך געלייגט אין אַ לויע־רונג. דאָן איז מיטן טראַקט דורכגעגאַנגען אַ גרויסער טייל פון אַ דייטשער אַרמיי. די קליינע גרופּע פּאַרטיזאַנער האָט קעגן די דייטשן נים געקענט ביישטיין. עטלעכע פון זיי זיינען געפאַלן און עטלעכע האָבן זיך צוריקגע־קערט אין אָטריאַד. ווען דער קאָמאַנדיר האָט דערזען, אַז עלטערמאַן איז נימאָ, האָט ער צו עטלעכע פּאַרטיזאַנער געגעבן אַ באַפעל, אַז אויב אפילו עלטערמאַן לעבט נים, מוזן זיי זיין טויטן קערפּער ברענגען אין אָטריאַד. מען האָט עלטערמאַנען געבראַכט אין אָטריאַד אַ שווער־פאַרוווּנדעטן. די זעלבע נאַכט האָט מען אים מיט אַן אַעראָפּלאַן אָפּגעפירט קיין מאָסקווע. נאָך עלף מאָנאַטן אָפּליגן דאָרט אין שפּיטאָל האָט ער זיך, אַ פּיזיש־שוואַכער און צע־בראָכענער, צוריקגעקערט אין האָראָדאָק. עטלעכע מאָנאַטן שפּעטער איז ער אין מינסק געשטאָרבן.

דעם 13־טן יולי 1944 זיינען מיר באַפרייטע מיט אונדזער גאַנצער ברי־גאַדע אַוועק קיין מינסק. אַ וואָך שפּעטער האָבן מיר, אַ גרופּע פון 20 מאַן האָראָדאָקער יידן, זיך צוריקגעקערט אין אונדזערע צעשטערטע און פּוסטע היימען.

אויפגענומען אין דער היסט. קאָמיסיע אין באַד־זאַלצשלורף

מ ש ה  מ י י ע ר ז אָ ן

(צ.ה.ק. 864/722)

# 2. אין בראַסלאַווער געגנט.

## א.

ביז דעם אויסברוך פון דייטש-פוילישן קריג (1939) האָבן אין אונדזער שטעטל ניי-פּאָהאָסט (קרייז בראַסלאַוו, ווילנער געגנט) געלעבט ביי 300 יידן. אויף דער דריטער וואָך פון קריג האָט די רויטע אַרמיי אַריינגעמאַרשירט אין אונדזער שטעטל, וואָס איז געלעגן 40 ק"מ פון דער אַלטער פויליש-רוסישער גרענעץ. ווי דער גאַנצער געביט אַרום, איז אויך ניי-פּאָהאָסט פון דאַן גע-וואָרן סאָוויעטיש.

מיטן אויסברוך פון דייטש-סאָוויעטישן קריג (22.6.41) איז אונדזער שטעטל שוין ענדע יוני פאַרלאָזן געוואָרן פון די רוסן. באַלד האָבן גענומען ביי אונדז באַלעבאַטעווען די אָרטיקע ווייסרוסן. זיי האָבן צערויבט די אַלע מאַגאַזינען, וואָס די סאָוויעטן האָבן איבערגעלאָזן; אויף די יידן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ רויב-אָנפאַל. די יידן זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון זייערע הייזער, און די ווייסרוסן האָבן פון דאָרט אַלץ אַרויסגעטראָגן. קיין מאָרדן זיינען דעמאָלט ניט פאָרגעקומען. דעם אָנפאַל האָט אָרגאַניזירט פּרוי קאַרלאָוויטש און אַ געוויסער ביינאַראָוויטש. דאַן האָבן די ווייסרוסן צווישן זיך געשאַפן אַ ווייס-בענדלדיקע פּאָליציי. דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער פּאָליציי איז געווען די זעל-בע פּרוי קאַרלאָוויטש. דער קאָמענדאַנט פון פּאָליציי איז געוואָרן ביינאַראָוויטש.

דעם 12. 7. 41 זיינען צו אונדז אין שטעטל אַריין די דייטשן. איך בין אָנגעקומען ביי דער דייטשער ווערמאַכט ווי אַן איבערזעצער פון דער דייטשער שפּראַך. זיי האָבן ניט דערקענט אַז איך בין אַ ייד. באַלד האָבן זיי מיר געפרעגט, ווער עס האָט צעראַבירט דאָס גאַנצע שטעטל, ווי די מאַגאַזינען און הייזער. אין דרויסן זיינען געשטאַנען פאַרזאַמלט מאַסן ווייסרוסן און שוין געוואַרט אויף אַ ווונק פון די דייטשן וועגן מאַכן אַ טאָלק מיט די יידן. איך האָב זיך דאַן געווענדעט צו דער גאַנצער מאַסע מיט די ווערטער: „די דייטשע ווערמאַכט פאָדערט די רויבער". אַלע זיינען געבליבן ווי דערשטוינט און געבעטן קיינעם ניט אַרויסגעבן. דאַן האָב איך דערקלערט דער ווערמאַכט, אַז די סאָוויעטן האָבן אַלץ מיטגענומען ביים אַנטלויפן.

באַקענענדיק זיך נענטער מיט די דייטשן פון ווערמאַכט, האָב איך געפרוּווט פאַרפירן מיט זיי שמועסן וועגן יידן. איך האָב געפרעגט: וואָס פאַר אַ רעכט האָבן יידן ביי איצטיקן רעזשים? איז באַרעכטיקט צו מאַכן אויף זיי אַ רויב-אָנפאַל?.. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז יידן האָבן נאָך יאָ רעכט. אמת באַגרענעצטע. וואָס שייך אָבער רויבן אָדער מאָרדן זיי, דאָס האָט קיינער קיין רעכט ניט. דאַן האָב איך זיי דערקלערט, אַז איך בין אַ ייד. גראָד דאַן האָבן זיך ווידער פאַרזאַמלט די גאַנצע ווייסרוסן פון שטעטל און ניט אַנדערש געוואָלט שטעלן די יידן פאַר אַ „געשעענעם פאַקט". איך האָב די דייטשן

געבעטן, אַז זיי זאָלן באַפֿוילן דעם גאַנצן המון זיך פֿונאַנדערגיין. איינער פֿון דערווערמאַכט איז עפֿנטלעך אַרויסגעטראָטן מיט אַ פּאָר שאַרפֿע ווערטער און דערקלערט, אַז דער פֿירער פֿאָדערט, אַז אַלע זאָלן אַרבעטן. דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם פֿאַרווערט יעדן רויב. אַלע מוזן זיך פֿונאַנדערגיין!

צו דער צייט האָבן זיך אָנגעהויבן געוואַלטיקע פּאָגראָמען אויף יידן אין די אַרומיקע שטעטלעך. אין שכנותדיקן שטעטל מיאָר (Mjori), וואָס ליגט 20 קילאָמעטער פֿון אונדז, איז דורך די ווייסרוסישע באַנדיטן דערמאָרדעט געוואָרן דער רב פּיאַנקאָ מיט זיין פֿרוי. אין בראַסלאַוו, אויך נים ווייט פֿון אונדז, איז דאָס גאַנצע שטעטל יידן אַרויסגעטריבן געוואָרן הינטער דער שטאָט צו דער זומפּיקער אָזערע מינוטשיצאַ, און דאָרט געהאַלטן געוואָרן עטלעכע שעה. פֿאַר דער צייט האָט די ווייסרוסישע באַפֿעלקערונג אויסגעראַבירט די יידישע הייזער. בעת דעם טרייבן פֿון די יידן זיינען דורך די ווייסרוסן צוזאַמען מיט אַן ס"ס־מאַן אויפֿן וועג דערשאָסן געוואָרן צוויי יידן מילוטשין און ש. בלאָך. די דאָזיקע געשיכטע האָט זיך באַלד פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער אַרומיקער געגנט. אונדזערע ווייסרוסן האָבן גענומען נאָך שרעקלעכער ווילדעווען. דורך נאַכט האָבן זיי אויף אַלע ווענט צעקלעפּט גרויסע פּלאַקאַטן: „פֿאַר הרגענען אַ יידן קריגט מען נים קיין שטראָף" און „רויבט און מאָרדעט יידן!"

דעם 41 .7 .4 איז אַרויס אַ באַפֿעל פֿון דעם ווייסרוסישן פּאָליצייקאָמענדאַנט ביינאַראָוויטש, אַז אַלע יידן, וועלכע זיינען זיך צעלאָפֿן פֿון שטעטל, מוזן זיך אין משך פֿון עטלעכע טעג צוריקקערן. אויף יעדן יידיש הויז מוז זיין אָנגעשריבן: „דאָ וווינט אַ ייד". אין דעם באַפֿעל איז אויך געוואָרן פֿאַרבאָטן פֿאַר יידן צו גיין אויף די טראָטואַרן און נים אַרויסגיין מער ווי 3 ק"מ הינטערן שטעטל. פֿאַרן עובר זיין אויף וועלכע פֿון די פֿאַראָרדענונגען ווערט מען גלייך דערשאָסן.

דעם 17־טן יולי 1941 איז געקומען אַ באַפֿעל, אַז אויף מאָרגן 6 פֿרי מוזן אַלע יידן פֿון שטעטל זיין פֿאַרזאַמלט אויפֿן מאַרק־פּלאַץ. 6 פֿרי זיינען אַלע יידן שוין געווען פֿאַרזאַמלט. דאָ זייגען שוין געווען די גאַנצע שטאָטישע ווייסרוסישע פּאָליציי מיט זייער קאָמענדאַנט ביינאַראָוויטש. ער האָט געמאָלדן, אַז אין משך פֿון אַ האַלבער שעה מוזן זיך אַלע יידן אַרויפֿטאָן 2 געלע לאַטעס, איינע אויף דער לינקער זייט ברוסט און די צווייטע אויף דער רעכטער זייט פּלייצע. פֿון דאַן אָן האָט מען אויך גענומען טרייבן די יידן אויף די אַלע שמוציקסטע אַרבעטן אין שטעטל.

דעם 23־טן יולי 1941 איז בראַסלאַווער קרייז צוזאַמען מיט אונדזער שטעטל געוואָרן אָנגעשלאָסן צו דווינסקער געביט, וואָס האָט זיך געפֿונען אונטער דעם קאָמענדאַנט פֿון דווינסקער פֿעסטונג. דאָ האָט עס אויך געהערשט דער סטאַראָסטע קאָוואַלסקי. פֿון דעם קאָוואַלסקי איז דאַן געקו־

מען אַ באַפעל, מען זאָל אַרעסטירן דעם יידישן לערער וואלשטיין, ווייל ער האָט אַמאָל געלעסטערט דעם קריסטלעכן גאָט. וואלשטיינען האָט מען איינ־געזעצט אין טורמע. נאָך שווערע אָנשטרענגונגען און גאָלד־מתנות האָבן די יידן פון שטעטל אים אַרויסגענומען.

דעם 41 .7 .30 האָט זיך געשאַפן ביי אונדז אַ יידישער קאָמיטעט מיט אַ יידן־עלטסטן, פייגין. דעם 8 .2 איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די ערשטע קאָנטריבוציע אויף יידן. אין משך פון 3 טעג, ד"ה ביז דעם 41 .8 .5, האָבן די יידן געמוזט צושטעלן דעם סטאַראָסטע קאָוואַלסקי 20.000 רובל. מיט שווערע מאַטערניש איז די סומע צוזאַמענגענומען געוואָרן. דעם 41 .8 .17 איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ צווייטע קאָנטריבוציע אויף די יידן פון שטעטל, דאָס מאָל שוין 12 פּאָר שטיוול, 25 פעלצן, 80 קג. שפעק, 25 קג. האָניק. געקומען זיינען אָפּנעמען די קאָנטריבוציע די געשטאַפּאָ צוזאַמען מיט דער ווייס־רוסישער פּאָליציי. די האָבן נאָך געווילדעוועט און צעשלאָגן הונדערטער יידן. ביינאַכט איז די ווייסרוסישע פּאָליציי באַפאַלן יידישע הייזער און געראַבירט דער ייד שער איז געפאַלן אַ קרבן.

דעם 30־טן סעפּטעמבער 1941 איז געקומען אַ באַפעל פון דער פּאָלי־ציי, אַז יידן מוזן אָפּגעבן זייערע אַלע ווערטפולע זאַכן, ווי גאָלד, זילבער פוטערוואַרג אאז"וו. דאָס איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם געביטס־קאָמיסאַר פון גלובאָק (Gluboki). דעם 20־טן אָקטאָבער איז די ווייסרוסישע פּאָליציי אַרומגעגאַנגען פון הויז צו הויז און צוגענומען ביי אַלע יידן זייער גאַנצן לע־בעדיקן אינווענטאַר, ווי קי, פערד, הינער אאז"וו. אזוי איז דאָס גאַנצע עקאָנאָמישע לעבן פון די יידן פולשטענדיק פאַרניכטעט געוואָרן. די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג איז אַרומגעוויקלט געוואָרן אין אַ פינצטערן נעפּל. די שטימונג ביי דער יידישער מאַסע איז געוואָרן אַפּאַטיש. עס האָט געהערשט נאָר יאוש און פאַרצווייפלונג.

## ב.

דעם 5־טן נאָוועמבער 1941 איז פון געביטס־קאָמיסאַר געקומען אַ באַ־פעל צו דער שטאָטישער פּאָליציי, אַז דעם 7־טן דאַרפן אַלע יידן זיך פאַר־זאַמלען אין שכנותדיקן שטעטל סאַרקאָוושטיזנע. דאָס איז געווען 18 ק"מ פון אונדז. דאָרט וועט זיך שאַפן אַ געטאָ פאַר יידן פון די אַרומיקע שטעט־לעך. אַלע יידן פון אונדזער שטעטל זיינען אַוועק אַהין. קיין סאַרקאָווטשיזנע האָט מען אויך צונויפגעטריבן די יידן פון די דערבייאיקע שטעטלעך ביל־דזשוגי (Bildzugi), גערמאַנאָוויטש. פאַר די אַלע יידן האָט מען דאָ געמאַכט אַ געשלאָסענעם געטאָ, וואָס האָט געציילט 1900 יידן. דאָס אָרט פון געטאָ האָבן אונדזערע „גוטע פריינד" אויסגעזוכט דעם סאַמע ערגסטן. יאָזשעפּקע האָט דער ראַיאָן געהייסן. פריער האָבן דאָ געוווינט נאָר גנבים, באַנדיטן אד"גל.

קיין וואַסער איז ניט געווען. פלעגט מען מוזן גיין צום טייך דיסענקאָ, דאָס איז געווען דערלויבט נאָר איין שעה אין טאָג, פון 3 ביז 4 נאָך מיטאָג. דאָס געטאָ גופא איז צעטיילט געוואָרן אין צוויי טיילן. איין טייל איז געווען באַשטימט פאַר די אַרבעטס־פעאיקע אָדער נוצלעכע און דער צווייטער פאַר די ניט אַרבעטס־פעאיקע אָדער „אומנוצלעכע". דאָ איז געשאַפן געוואָרן אַ יודענראַט מיט אַ יידן־עלטסטן, מינדעל, ווי אויך אַ יידישע אָרדענונגס־דינסט מיט אַן עלטסטן איציק דאָיטש. אונדזער יודענראַט איז געווען אונטערגעוואָרפן דעם יודענראַט פון גלובאָק מיט דעם דאָרטיקן יידן־עלטסטן לעדערמאַן. דער ס"ס־מאַן אין סאַרקאָווטשיזנע, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַדמיניסטראַציע אין די ראַיאָן שטעטלעך, האָט געהייסן זאָנדער־פירער ווײמאַן (Weimann). דער סאַרקאָווטשיזנער קאָמענדאַנט איז געווען אַ ווייסרוס, דאַנילעצקי.

אין די ערשטע טעג פון געטאָ האָט דער קאָמענדאַנט דאַנילעצקי שוין באַוויזן וואָס ער קען. זיינע הענט זיינען גלייך געוואָרן איינגעטונקט אין יידיש בלוט. דעם 10.11.41 האָט ער אַרויסגענומען 10 יידן פון געטאָ און זיי דערשאָסן. צווישן זיי זיינען אויך געווען 2 יידן פון אונדזער שטעטל, די ברידער אליהו גרשון און וולף יששכר לעווינזאָן.

מיטן אויפקום פון געטאָ איז פאַראַליזירט געוואָרן דאָס גאַנצע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אַנדערש איז אָבער געווען מיטן רעליגיעזן לעבן. דאָ זיינען געווען די רבנים פון אַלע צונויפגעטריבענע שטעטלעך. זיי פלעגן אָפט פאַרזאַמלען דעם עולם, אויפקלערן אים און אַריינגעבן מוט, אַז גאָט וועט העלפן; היטלער מוז פאַרשפּילן די מלחמה, און מיר יידן וועלן געהאָלפן ווערן! אָט די דאָזיקע ווערטער האָט געזאָגט הרב ראַבינאָוויטש פון סאַרקאָווטשיזנע. די רבנים האָבן אויך אויסגערופן תעניתים, צוויי מאָל אין דער וואָך, מאָנטיק און דאָנערשטיק.

ביים באַפוילן אַריינצוקלייבן זיך אין געטאָ האָט מען יעדער יידישער פאַמיליע דערלויבט צו מיטנעמען 300 קג. שפּעטער האָט דער קאָמענדאַנט דאַנילעצקי געמעלדעט דעם יודענראַט, אַז ער וועט קומען מאַכן אַ רעוויזיע, נאָכזוכן וויפל לעבנסמיטל געפינט זיך ביי די יידן. מען האָט אים געמוזט אונטערקויפן מיט אַ סומע פון 300 רובל גאָלד.

15 קמ. פון סאַרקאָווטשיזנע איז געווען אַ קליין שטעטל יאַדי מיט אַ געטאָ פון אַ טויזנט יידן. דאָרט האָט זיך עס אין אונדזער געגנט אָנגעהויבן די בלוטיקע שחיטה אויף יידן. מיט דער שחיטה האָבן אָנגעפירט די דאָרטיקע ס"ס־לייט צוזאַמען מיטן ס"ס־מאַן פון סאַרקאָווטשיזנע ווײמאַן. זייער אַ קליינע צאָל יידן האָט זיך געראַטעוועט, אַן ערך 50 מאַן.

דעם 30.3.42 האָט מען געשאַפן ביי אונדז אין געטאָ וואַרשטאַטן, אַ שניידעריי, שוסטעריי, שמידעריי אאַז"וו. דאָס געטאָ האָט געאַרבעט פאַר דער

ווייסרוסישער שטאַטישער באַפעלקערונג. קיין ספּעציעלע שטייערן האָבן מיר נים געצאָלט, נאָר דער יודענראַט האָט אַרויפגעלייגט אויף יעדער ברויט־קאַרטע 10 רובל פּאַר די, וועלכע האָבן נים קיין געלט אויסצוקויפן די נאָרמע ברויט. די פאַרדינסטן פון דער אויסגעאַרבעטער פּראָדוקציע פלעגן אַריין אין ראַט, וועלכער פלעגט דאָס יעדן מאָנאַט איבערגעבן דעם געביטס־קאָמיסאַר פון גלובאָק.

די וווינונגס־באַדינגונגען אין געטאָ זיינען געוועזן זייער שלעכטע, צו 20 נפשות אין אַ קליין צימערל. קלאָר, אַז דער סאַניטאַרער צושטאַנד האָט נים געקענט זיין גוט. עס האָבן זיך באַוויזן פאַרשיידענע קראַנקהייטן. די מעדיצינישע הילף איז געווען זייער אַ שוואַכע. דערביי איז צו באַמערקן, אַז אין שטעטל גערמאַנאָוויטש האָט מען ביים · אַרויסטרייבן אַלע יידן אין געטאָ איבערגעלאָזט דעם יידישן אַפּטייקער סאָסנאָוויאַק. עס איז דאָרט נים געווען ווער זאָל קענען איבערנעמען די אַפּטייק און צוגרייטן מעדיצין פאַר דער ווייסרוסישער באַפעלקערונג. אויך אין פּאָהאָסט איז געבליבן אַ יידישער אַפּטייקער מ. קלאַר. אַ דאַנק זיי האָבן זיך זייער אַ סך יידן געראַטעוועט פון טויט. זיי האָבן אונטערגעשטיצט דעם געטאָ מיט פיל מעדיצין און לעבנס־מיטל.

## ג.

אַזוי האָט זיך ווידער געצויגן אַ קורצע צייט. עס איז אָבער אויך אונטערגעקומען די ליקווידאַציע פון סאַרקאָוושטשיזנער געטאָ. דעם 20־טן מאַי 1942 האָט דער געביטס־קאָמיסאַר פון גלובאָק אויף אַלע געטאָס פון אומגעגנט אַרויפגעלייגט אַ קאָנטריבוציע פון 400 רובל גאָלד און 50.000 רובל פּאַפּיר־געלט. גלייך נאָך דעם האָט דער געביטס־קאָמיסאַר פון גלובאָק, ווימוויצקי, אָנגעהויבן ליקווידירן אַלע געטאָס פון גאַנצן אומגעגנט. דער ער־שטער גורל איז אויסגעפאַלן אויף לושקי, דאָס געטאָ האָט דאָרט געציילט 1200 יידן. די אַקציע איז דאָרט פאָרגעקומען אין די טעג פון זונטיק און מאָנטיק, ט״ו, ט״ז סיון תש״ב. די צווייטע שחיטה איז געווען אין מיאָרער געטאָ י״ז סיון תש״ב (2.6.42). דאָס געטאָ האָט געציילט 1.100 יידן. די דרי־טע שחיטה איז געווען אין דיסנע, דעם 15.6.42. דאָס געטאָ האָט געציילט 1700 יידן. די פערטע שחיטה איז געווען אין דרוי, ב׳ תמוז תש״ב (17.6.42), דאָס געטאָ האָט געציילט 1.900 יידן. אויך אין בראַסלאַוו איז י״ח סיון (3.6.42) ליקווידירט געוואָרן דאָס געטאָ, ווו עס זיינען אומגעקומען 1.900 יידן. די ריי איז געקומען אויך אויף אונדזער געטאָ אין סאַרקאָוושטשיזנע. די שטימונג ביי אונדז איז שוין געווען געגנוג נערוועז פון די ידיעות וועגן די אַרומיקע געטאָס.

ג׳ תמוז תש״ב (18. 6. 42) אינדערנאַכט האָבן די יידן, וועלכע האָבן שוין נים געקענט רואיק איינשלאָפן, באַמערקט פרעמ־



ב ר אַ ס ל אַ וו, ווילנער געגנט. קבר פון קדושים, דערמאָרדעטע אין דער צייט 3—9 יוני 1942. איבערגעגעבן דורך דער היסטאָרישער קאָמיסיע, וועצלאַר.

Braslav-Vilna district. Mass grave of Jews murdered between june 3 rd — 9 th, 1942

דע געשטאַלטן פון ס"ס־לייט. אין דעם זעלבן מאָמענט האָבן גענומען ברענען איינצלנע הייזער אין געטאָ. עס איז באַלד אויסגעבראָכן אַ פּאַניק ביי די יידן. עס איז געוואָרן אַ לויפעריי, יידן האָבן דורכגעריסן די דראָט־פאַרצוימונגען און זיך געלאָזט לויפן אין וואַלד און אין פעלד אַריין. די ס"ס־מענער, צוזאַמען מיטן געביטס־קאָמיסאַר ווימוויצקי, האָבן געעפנט אַ פייער פון פאַרשיידענע געווער, אונדזערע מענטשן זיינען דערשאָסן געוואָרן אויף די פעלדער. די לעבעדיק־געבליבענע זיינען אומגעקומען אויף אַ בעסטיאַלישן אופן. אויך מיין פאַמיליע איז לויפנדיק אומגעקומען פון דעם האָגל קוילן. מיר אַליין איז דאָך געלונגען צו ראַטעווען זיך. איך בין אַוועק אין שכנותדיקן וואַלד „צאַראָנקאַ" (Caronka).

אויפן צווייטן טאָג, ד"ה דעם 19.7.42, איז פאָרגעקומען אַ שחיטה אין גלובאָק. 2000 יידן זיינען דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן און די איבעריקע 3000 זיינען געבליבן. דאָס האָט כלומערשט געזאָלט הייסן, אַז די „נוצלעכע" ווערן איבערגעלאָזט צום אַרבעטן. דעם 20.8.42 איז אַרויס אַ באַפעל פון געביטס־קאָמיסאַר ווימוויצקי און דעם קאָמענדאַנט פון זשאַנדאַרמעריע קעווען, אַז אַלע יידן, וועלכע באַהאַלטן זיך אין די וועלדער, זאָלן זיך מעלדן אין גלובאָקער געטאָ, וואָס איז שוין פון איצט אָן לעגאַליזירט. בלייבם ווער אויסבאַהאַלטן, וועט ער באַטראַכט ווערן ווי אַ פּאַרטיזאַן! אַן ערך 1000 יידישע נפשות זיינען אַרויס פון די וועלדער און אַוועק אין גלובאָקער געטאָ. עס זיינען אַרומגעפאָרן יידישע פּאָליציי איבער די וועלדער, פעלדער און אויך איבער די דערפער און צוזאַמענגענומען די יידן און זיי אָפּגעפירט אין געטאָ. זיי האָבן יעדן גאַראַנטירט דאָס לעבן... איך בין אָבער ניט געגאַנגען און ווייטער געבליבן אין וואַלד. איך האָב זיך אויך געוואַלגערט ביי קריסטן אין דאָרף.

דעם 15־טן סעפּטעמבער 1942 איז אַרויס אַן עקספּעדיציע פון ס"ס־לייט אין די וועלדער גלייכצייטיק האָבן זיי פאַרברענט מאַסן דערפער אַרום די וועלדער פון מיאָרער און בראַסלאַווער געגנט. די פּויערים, אויף וועלכע עס איז געפאַלן אַ חשד פון האָבן פאַרבינדונגען מיט פּאַרטיזאַנער, זיינען דערשאָסן געוואָרן. עס זיינען פאַרניכטעט געוואָרן די דערפער אין דער אומגעגנט פון די בראַסלאַווער וועלדער, ווי באַהין, זאַמאָשע, וועלכע זיינען געווען באַרימט אונטערן נאָמען „נאָוואַיאַ מאָסקוואַ" די פּאַרטיזאַנער פון דאָרט זיינען פאַריאָגט געוואָרן, ביי די קריסטן אין די דערפער איז געוואָרן זייער שווער זיך אויסצובאַהאַלטן. די איינצלנע יידן, וועלכע האָבן זיך דאָרט אויסבאַהאַלטן, זיינען אָפּט דורך די קריסטן אַליין איבערגעגעבן געוואָרן אין די הענט פון געשטאַפּאָ. פאַר אַ קליינער באַלוינונג, ווי איין פוד זאַלץ, האָט מען אַרויסגעגעבן די בעסטע באַקאַנטע יידן, וואָס האָבן פאַרן אויסבאַהאַלטן זיי ווי אין אַ שטאַל אָפּגעצאָלט מיטן גאַנצן פאַרמעגן. איך אַליין האָב זיך אויך ניט געקענט געפינען אין דאָרף, ווייל אַלע מיינע באַקאַנטע קריסטן

האָבן מיר דערקלערט, אַז זיי האָבן מורא פאַר זייערע שכנים; יענע וועלן געוויס מסרן, און ער וועט באַצאָלן מיטן לעבן. אַזוי האָב איך זיך געוואַלגערט אַ גאַנצע צייט אין פעלד און אין די קאָרן. פאַרנאַכט פלעג איך זיך אָפּטמאָל צוכאַפּן אין דאָרף נאָך אַ שטיקל ברויט. נאָר אין קאָרן איז אויך געווען זייער שווער דאָס אויסבאַהאַלטן זיך. אָפּטמאָל פלעגט די געשטאַפּאָ אָנקומען מיט אָבלאַוועס. ווען זיי פלעגן כאַפּן, פלעגט ווערן גלייך אויף אַן אָרט דערשאָסן. נאָך דער עקספּעדיציע איבער די וועלדער פון 15. 9. 42 זיינען די פּאַרטיזאַנער פאַרטריבן געוואָרן פון זייערע פּאָזיציעס און צוליבן אָנקום פון ווינטער און די פרעסט, איז זיי שוין געווען שווער ווידער צו פאַראייניקן זיך. די גרעסטע שווערקייט איז געווען דאָס, וואָס עס איז געווען אַ מאַנגל אין געווער.

דעם ווינטער בין איך אַוועק אין קאָלאָניע קופּטשעלאָוואַ. דאָרט האָב איך געהאַט אַ באַקאַנטע קריסטין, באַראָן. איך האָב איר געהאַט איבערגעגעבן מיין גאַנצע הויז־ווירטשאַפט, דערפאַר האָט זי מיר אויסבאַהאַלטן אין אַ שטאַל. אַ גאַנצן ווינטער ביז דעם 10. 5. 43 האָב איך ניט אָנגעזען די ליכטיקע שיין. ליגנדיק באַהאַלטן אין שטאַל, פלעגן מיך אָפּטמאָל אַרומכאַפּן שרעקלעכע שטימונגען. עס איז מיך באַפאַלן אַ חרטה, הלמאי איך בין ניט אַוועק אין גלובאָקער געטאָ. פונדערווייטנס דערגייען קלאַנגען, אַז דאָרט איז גוט, און דאָ ליג איך אַ נאַקעטער, אַ הונגעריקער; אַרום הערשט כסדר פינצטערניש. קיין האָפענונג אויף עפּעס בעסערס זעט זיך ניט, און ווו זאָל איך איצט גיין? אַלע וועגן זיינען דאָך איצט שוין אָפּגעשלאָסן פאַר מיר! און אָט קומט אָן נאָך אַן ערגערע צייט. עס קומט פרילינג; די קריסטן גייען אַרויס באַאַרבעטן די פעלדער. מיין קריסטין קריגט מורא פאַר איר לעבן. זי פאַלט דאַן אויף אַ פּלאַן. דאָס איז געווען דעם 18. 5. 43. גאַנץ פרי איז געקומען צופאָרן אַ קריסט פון דאָרף בירוקי (קרייז בראַסלאַוו). ביי טאָג האָט מען מיך אַריינגעלייגט אין אַ גרויסער פור מיט שטרוי. דאָס האָט ניט אַרויסגערופן קיין פאַרדאַכט ביי דער פּאָליציי, וואָס איז געשטאַנען אין די אַרומיקע דערפער און שטאַרק קאָנטראָלירט די דורכפאָרנדיקע. ליגנדיק גוט באַהאַלטן אין דעם שטרוי, איז מיר געלונגען דורכצופאָרן די 12 ק"מ ביז דער קאָלאָניע בירוקי. דאָרט האָט מיך דער קריסט איינגעאָרדנט אין אַ שטאַל. מיר איז דאָ געווען גאָר שווער. דער קריסט איז געווען זייער אַן אָרעמער, גאַנצע טעג פלעג איך הונגערן. דער קריסט פלעגט גיין אין וואַלד קלייבן שוועמלעך און קאָכן. דערמיט האָט ער אויך מיר געשפּייזט. ברויט צו באַקומען איז געווען גאָר שווער. פאַר 5 רובל גאָלד האָט מען געקענט באַקומען אַ ביסל קאָרן. דער פויער האָט אָבער אויך ניט געקענט גיין קויפן קאָרן פאַר גאָלד; דאָס וואָלט דאָך אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט ביי די איבעריקע קריסטן. ביי אַזעלכע